STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05745

FERTSIG YOHR IN VASHINGTON

Morris Allex

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערציג יאָהר אין וואַשינגטאָן

אדער

„ווער איז ווער"

פון

משה ב"ר צדוק אלעקס

צו מיין 82טען געבורסטאג

ל"ג בעומר, שנת תש"ב—1942

וואשינגטאן, ד. ק.

THIS BOOK IS DEDICATED TO THE
WELL-KNOWN PHILANTROPIST

MR. HYMAN VIENER

OF WASHINGTON, D. C.

WITH GRATITUDE AND ADMIRATION

דיזער בוך ווערט געדרוקט און ארויסגעגעבען
מיט דער פריינדליכער מיטהילף פון דעם
באוואוסטען וואשינגטאנער נדבן
און אינדוסטריאליסט

ר׳ חיים יצחק וויינער

THE ROMM PRESS, BALTIMORE, MD.



משה ב״ר צדוק אלעקס

THE WHITE HOUSE
WASHINGTON

February 13, 1936

Dear Rabbi Novick:

Religion has always played an important role in civilization. Its teachers and ministers have been beacon lights guiding the people ever higher and higher. They have been revered by the people whom they have led.

This applies with unusual force to the Jews. From their early history their religious leaders have been world characters. They have held their people together through good times and bad, through friendly periods and times of persecution.

On the occasion of the Mizrachi-Zionist Convention, which happily this year will be held in Washington, may I extend greetings and good wishes and express the hope that this gathering will serve as an inspiration to you in facing the always arduous work of the religious leader.

Very sincerely yours,

Franklin D Roosevelt

Rabbi Louis Novick,
National Chairman, Convention Committee,
Mizrachi-Zionist Convention,
79 New York Avenue, N. W.,
Washington, D. C.

געווידמעט צו דעם זעכציגסטען געבורטסטאג
פון אונזער פּרעזידענט

פריינקלין ד. רוזוועלט

30טער יאנואר, 1942

הקדמה פון פארפאסער

מיט דעם אנפאנג פון מיין נייעם בוך „פעציג יאהר אין וואשינגטאן אדער ווער איז ווער“, וויל איך ציהען די אויפמערקזאמקייט פון וואשינגטאנער אידען פון די שוהלען, פון די ארגאניזאציעס און אויך פון איינצעלנע פערזענליכקייטען וועלכע האבען זיך פארדינט אז זייער נאמען זאל פאראייביגט ווערען אין דעם בוך, וואס וועט זיך אויך רעכענען אלס דער פנקס פאר דעם קומענדיגען דור פון דעם וואשינגטאנער אידישען לעבען. דער בוך וועט טראגען א היסטארישען כאראקטער. א חוץ דעם וואס איך האב פאר די 40 יאהר אלעם אליין דורכגעלעבט, האב איך זיך אונטערגענומען צו באזוכען אלע אידישע ארגאניזאציעס, אלע שוהלען און אלע אינסטיטוציעס. איך האב ניט געשפארט קיין מיה און קיין צייט. אלעס איז באריכטעט אין דעם בוך. מיר אידען לעבען איצט דורך זעהר א שרעקליכע צייט. קיין אידישער ישוב, קיין אידישע קהלה איז ניט באווארענט און ווייסט ניט וואו זי קאן פארווארפען ווערען אין דער צוקונפט. דערפאר האב איך זיך גענומען די מיה צו שרייבען דעם בוך „ווער איז ווער אדער 40 יאהר אין וואשינגטאן.“ איך בין זיך מודה, דאס ווען איך האב געשריבען מיין בוך צו מיין אכציגסטען געבורטסטאג—וואס רעכענט זיך אויך ווי א פנקס פון דעם אידישען לעבען אין וואשינגטאן—האב איך אפשר ניט אלעס באשריבען, ווייל איך האב ניט געקאנט אויספירען , די צייט איז געוועזן צו קורץ; אבער איצט, אין מיין נייעם בוך איז ריכטיג נאכגעזוכט און אלעם ריכטיג איבערגעגעבען. זיי וועלען זעהן די גוטע ארבייט פון יעדען עסקן, פון יעדען מנהיג, וואס זיי האבען אויפגעטאן אלס כלל-טוער, און אויך אלע אינסטיטוציעס וואס זיי האבען געטאן פאר וואשינגטאן.

איך בין זיך אויך מודה און מתודה אז איך האב ניט גוט נאכגעזוכט די גוטע ארבייט פון איינצעלנע גוטע פיהרער פון אייניגע לאדזשעס און שוהלען וועלכע האבען געטאן פילע גוטע ארבייט פאר דער געזעלשאפט, אריינגערעכענט די מזרחי ציוניסטען מיט זייערע פיהרער; די פועלי ציון מיט זייערע פיהרער; און אויך דעם ארבייטער רינג וועלכער טוט אויך גוטע ארבייט פאר דער וואשינגטאנער אידישער געזעלשאפט.

אייניגע פאסירונגען וואס זיינען פארגעקומען אין דעם יאהר 1941, ווערען אריינגעגעבען אין דעם בוך „פערציג יאהר אין וואשינגטאן,“ אלס א זכר עולם.

די היסטארישע באגריסונגען פון פרעזידענט רוזוועלט מיט זיינע יועצים, וועלכע זיינען אמת'ע אוהבי ישראל, האבען געגעבען זייער ברכה צו אלע אידען פון אלע לענדער צום נייעם יאהר תש"ב.

פאר דער צייט וואס איך האב געשריבען מיין בוך, האט דער גרויזאמער טויט אוועקגעריסען פיר שטארקע עמודים פון דעם אידי־שען פאלק, האב איך זיך גענומען די מיה און פאראייביגט זייערע נעמען אין מיין בוך „ווער איז ווער.“

א נעקראָלאָג וועגען דעם גרויסען ציון־פיהרער מנחם מענדיל אוסישקין, וועלכער איז געשטארבען דעם 2טען אקטאבער, 1941, אין ירושלים.

א נעקראָלאָג וועגען ריכטער לואיס ד. בראנדייס, וועלכער איז געשטארבען דעם 5טען אקטאבער, 1941, אין וואשינגטאן.

א נעקראָלאָג וועגען פראפעסאר נייטען אייזיקס.

א נעקראָלאָג וועגען פנחס רוטענבערג.

פערציג יאהר דערגרייכונגען פון אידישען נאציאנאל פאָנד.

קורצע אויסצוגען פון פרעזידענט רוזוועלט'ס בארימטע רעדעס פון 1932 ביז 1941.

דער היסטארישער מזל טוב פון צ. ה. רובינשטיין.

באגריסונג פון בערנארד דאנזאנסקי

חשוב'ער פריינד, הערר משה אלעקס:

מיט עטליכע יאהר צוריק, ווען איהר זייט א בן שבעים געווארען, און איהר האט ארויסגעגעבען אייער ערשטען בוך, א באשרייבונג פון אייער אייגענער ביאגראפיע, האב איך מיט פארגעניגען אָנגע־נומען אייער איינלאדונג צו שרייבען עטליכע ווערטער צו דעם בוך.

איך האב אייך דאמאלסט באוואונדערט פאר אייער גוואלדיגע קראפט, אז א מענש אין אייערע יאהרען, וואס האט שטענדיג געאר־בייט שווער אום א לעבען צו מאכען, זאל האבען דעם מוט און פעהיג־קייטען פאר אזא אונטערנעהמונג, און עס פרעהט מיך זעהר אייך צו זאגען אז מיין אכטונג צו אייך האט זייט דאמאלסט פיעל געשטיגען.

דורך די פילע יאהרען פון אונזער באקאנטשאפט האט איך אין אייך געפונען א פאלקס־מענטש מיט אן ערנסטען בליק אויף אידישע און אלגעמיינע געזעלשאפטליכע ענינים; א מענש וואס זוכט שטענדיג דעם אמת און גערעכטיגקייט אין אלע באוועגונגען, און וואס שעמט זיך ניט צו זיין אָפענהערציג וואו עס נויטיגט זיך.

דארום באוואונדער איך אייך איצט נאך מעהר, ווען איהר זייט שוין קיין עין הרע אריבער די שמונים און איהר האט נאך ב"ה די אינטעליגענץ און די קראפט אָנצושרייבען אזא וויכטיגען בוך ווי דער וואס איהר גיט איצט ארויס.

אייער בוך, „ווער איז ווער“ אין וואשינגטאנער אידישען לעבען, וועט געווים זיין פון גרויסען ווערט פאר די צוקונפטיגע היסטאריקער, ווייל אין דיזען בוך באשרייבט איהר אויספיהרליך אלע פאקטען און פאסירונגען וואס איהר האט אליין דורכגעלעבט אדער וואס איהר האט פערזענליך גרינדליך אויסגעפאָרשט, און איך בין זיכער אז יעדע אידיש-שפרעכענדע פאמיליע וועט איינזעהן די וויכטיגקייט אז אזא בוך זאל זיך געפינען אין זייער הויז.

צום שלום, אזוי ווי איהר האט שוין ב"ה דערלעבט אריכת ימים ווינש איך אייך אז גאט זאל אייך ווייטער בענשען מיט גליק אין אייער נייער אונטערנעמונג, און איהר זאלט זוכה זיין צו זעהן ישועות ונחמות אויפ'ן אידישען פאלק און שלום און גערעכטיגקייט זאל הערשען איבער דער גאנצער מענשהייט.

מיט גרוים דרך ארץ,

בערנארד דאנזאנסקי.

פ אָ ר ר ע ד ע

פון מנחם מענדיל אקערמאן

פון דער שרייבער משפחה אין נויארק

ווען מיר זיינען גאר יונגערהייט באקאנט געווארען מיט דער לעהרע פון דעם גרויסען פילאזאף און דענקער אריסטאטעל און דער-וואוסט זיך זיין מיינונג וועגען „מין מענש“, אז ער איז ניט מעהר ווי א „חיה“, אן איינפאכע „בעסטיע“, אן „איינשלינגער“; זיין דראַנג איז ניט מעהר ווי צו פארכאפען אלעס פאר זיך, ווערען א „מושל בכיפה“, האבען מיר דעמאלט ניט געגלויבט אין דעם גרויסען דיינקער'ס לעהרע און מיט ביטל געטראכט: מסתמא איז עפעס דער „מער“ מיט דעם דיינקער'ס דיינקונגס אפאראט . . . אוודאי געמוזט ביי איהם אין קאפ א שרייפעל נאכלאָזען... אונזער סימעטרי וועגען מענש איז דער היפך געווען; גאר גאָר געהויבענער. דער מענש איז דאך עפעס באשאפען געווארען „בצלם אלקים“... און דאן, אין יענער צייט פון יוגענט, ווען דער לעבען איז פאר אונז אויפגעגאנגען מיט די ליכטיגס-טע שטראלען, מיט געזאנג און פרייד; ניט געוואוסט נאך פון אנטוי-שונגען, ניט געהערט דעם קלאַנג פון שווערדען, ביקסען, האַרמאַטען; ניט געזעהן דעם געראנגעל פון מענש מיט מענש; ניט געהערט טויט-סימפאָנים אויסשפילען... נאָר שפעטער אינ'ם גאנג פון לעבען, ווען דער „מענש“ האט זיך פאר אונז אנטפלעקט אין זיין גאנצער נאקעט-קייט, האבען מיר מיט א טריבען געמיט צוגעגעבען אז דער גרויסער דיינקער-פילאזאף איז גערעכט געווען אין זיין אפשאצונג פון מענש.

נאָר א דאנק דעם צופאל וואס האט מיך באקאנט און פארבונדען (דורך בריף) מיט ר׳ משה אלעקס, דעם מחבר פון בוך „לידער פון מיין לעבען״, און וועלכער גרייט צו צום דרוק א צווייטען בוך, „ווער איז ווער״, מאכט מיך ווידער אמאל צו איבערטױישען מיין מיינונג וועגען דער לעהרע פון אריסטאטעל. ווען מען איז באקאנט מיט אזעלכע מענשען ווי ר׳ משה אלעקס מוז מען בלייבען א פארגאפטער, וואס פאר א שעהנע גוטע טרויבען ס׳זיינען פאראן אין גאט׳ס ווייגארטען!



מ. מ. אקערמאן

כ׳שלים מיינע עטליכע שורות מיט דעם, אז וואויל איז דעם בן־אדם וואס קען אזוינע מענשען ווי ר׳ משה ב״ר צדוק אלעקס איז, און גליקליך איז ער אוודאי אז ער האט אזעלכע מענשען פאר פריינד. מיט פרייד שרייב איך אָט די עטליכע שורות צו דער ביילאגע פון דעם בוך „ווער איז ווער״, וואס וועט אין גיכען ערשיינען פון דעם ליבען גוטען, פיינעם אידען און גוטהארציגען מענש, ר׳ משה ב״ר צדוק אלעקס.

מ. מ. אקערמאן.

איינלייטונג פון משה פריליכאָוו

מיט פארגעניגען דערפיל איך דעם פארלאנג פון מיין ליבען פריינט, ר' משה אלעקס, אָנצושרייבען אן איינלייטונג צו זיין איצטיגען בוך, וואס באצוועקט צו זיין א פנקס פון דעם אידישען געזעלשאפטליכען לעבען אין וואשינגטאן, די הויפט שטאדט פון די פאראייניגטע שטאטען. אזעלכע שריפטען זיינען נויטיג און נוצליך, ערשטענס פאר די איצטיגע אידישע איינוואוינער פון וואשינגטאן, זיי באקאנט צו מאכען מיט די פארשיידענע אידישע רעליגיעזע און אלגעמיינע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, און דורך דעם פארשטארקען דעם באוואוסטזיין פון דער היגער אידישער באפעלקערונג. צווייטענס האבען אזעלכע שילדערונגען א גרויסע באדייטונג פאר דער צוקונפט. ביכער פון אזא אינהאלט זיינען ווי קוועלען פון אינפאָרמאציע פאר היסטאָריקער פון א קומענדיגען דור; פאר אזעלכע פאָרשער וועלכע וועלען זיך פארנעמען מיט שאפען א היסטאריע פון דעם אידישען געזעלשאפטליכען לעבען אין פארשיידענע שטעט און שטעטלעך אויף דעם נאָרד אמעריקאנעם קאָנטינענט.

אין אָט דעם בוך וועט דער לייענער געפינען פארצייכענט די געשיכטע ווי אזוי עס זיינען אנטשטאנען די היגע שוהלען (קאָנגרעגיישאנס), די פארשיידענע טראדיציאנאלע אידישע געזעלשאפטען, ווי דער מושב זקנים, הכנסת אורחים, און נאך אלערליי וואָלטעטיגע אינסטיטוציעס; אויך באוועגונגען און פאראיינען און אויך ביאגראפישע סקיצען פון די גייסטיגע פיהרער, די חשוב'ע רבנים און אויך פון א צאל כלל טוער.

דער פאָלגענדער בוך איז דער דריטער וועלכער דער מחבר ר' משה אלעקס האט פארעפענטליכט. דער ערשטער איז געווען אן אָטאָביאגראפיע פון זיין לעבען, אָנהויבענדיג מיט עכט פאָלקסטימליכע בילדער וועלכע האבען געשילדערט דעם אלטען אידישען לעבענסשטייגער אין וועלכען דער מחבר איז געבארען און ערצויגען געווארען אויף יענער זייט ים. זיינע פארשיידענע איבערלעבונגען ביז זיין קומען אין וואשינגטאן, און עס לייענט זיך מיט א פארכאפענדען אינטערעס. דאן איז געקומען א געשיכטע פון דעם וואשינגטאנער דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאדזש, וועלכער איז א זעלבסטשטענדיגער לאדזש פאר זיך אליין, פון וועלכען דער מחבר איז געווען איינער פון די ערשטע פיאָנערען גרינדער און ער האט אויף זיין שטילען און באשיידענעם שטייגער אפגעגעבען אזוי פיל איבערגעגעבענע טעטיגקייט. זיין איצטיגע נייסטע שריפט איז שוין פון א ברייטערען פארנעם ווייל אין דעם שפיגעלט זיך אָפּ דער היגער אידישער קהלה לעבען ווי א גאנצער א פאראייניגטער.

צום סוף א פאָר ווערטער וועגען דעם מחבר ר' משה אלעקס פערזענליך. ס'איז צו באוואונדערען דעם יוגענטליכען גייסט און די ענערגיע פון דעמדאָזיגען ליבען זקן פון איצט שוין העכער אכציג יאהר, וועלכער א חוץ זיין געזעלשאפטליכען אינטערעס, שרייבט ער אויך לידער, סקיצען, ביכער, און איצט דעם פאָלגענדען בוך פון וואשינגטאנער קהלה לעבען און אויך פון אלע שוהלען און ארגאני־זאציעס און ליידים אקזילערים. דער שרייבער פון די שורות קאן און שעצט משה אלעקס, פון שוין העכער דרייסיג יאהר, כמעט פון דעם ערשטען טאג פון מיין אָנקומען קיין וואשינגטאן, און איך שעץ זיין אונערמידליכע טעטיגקייט.

דערפאר שלים איך זיך איצט פריידיג אָן צו זיינע צאָלרייכע פריינט און ווינש איהם אינאיינעם מיט זיין ווירדיגע ליבע פרוי גאָלדע וועלכע האבען געפייערט דעם ל"ג בעומר פון שנת תש"א זייער גאָל־דענע חתונה, אריכת ימים ושנים.

משה פריילי כאָוו.

דער היסטאָרישער מזל טוב

פון צ. ה. רובינשטיין

(דער גוט־שבת איד פון „טאג)

מזל טוב, מזל טוב, מר. פרעזידענט!

דעם 30טען יאנואר זיינט איהר געווארען זעכציג יאהר. די גאנצע מענשליכע וועלט פייערט אייער 60טען געבורטסטאג. דער אויבערשטער זאל העלפען אז אייערע צווייטע 60 יאהר זאלען ניט פארשעמען די ערשטע, מר. פרעזידענט! אייערער א געבורטסטאג איז א וויכטיגע געשעהענים ניט נאר פאר דעם לאנד איבער וועלכען איהר האט די געלעגענהייט צו רעגירען, נאָר אויך פאר דער גאנצער מענשהייט, וואס וויל לעבען פריי אין דעמאקראטיע און שלום. די גאנצע מענשהייט שיקט אייך דערפאר איהרע ברכות צו אייער גע־בורטסטאג.

אייער געבורט איז געווען א נס מיט 60 יאהר צוריק, און אין די 60 יאהר האט איהר א סך אויפגעטאן. איהר זיינט געגאנגען פון מדרגה צו מדרגה, אלע מאל א שטאַפּעל העכער און העכער, ביז איהר האט דערגרייכט אמת'ע גרויסקייט אלס פיהרער פון דער גאנצער וועלט. איהר זיינט א גרויסער פרעזידענט און א גרויסער מענש! אייך איז אויסגעקומען ארומגערינגעלט צו ווערען מיט א מאסע שונאים, אבער דערפאר האט איהר זיך ארומגערינגעלט מיט א מאסע פריינט. אייער גורל איז צו צושמעטערען דעם שונא און בויען א

שעהנערע וועלט. איהר וועט דערגרייכעןביידע זאכען ווייל דאס איז אייער ווילען.

אין אונזער לעבען וועט איהר שאפען א וועלט אין וועלכער עס וועט זיך גלוסטען צו לעבען. איהר וועט ווערען דער גרעסטער פרע־זידענט וואס אמעריקא האט געהאט. אייער נאמען וועט אריין אין דער געשיכטע מיט אותיות פון ריינעם גאָלד, און מיר, דאס פאלק, וועלען פארשרייבען אין דער געשיכטע אז מיר האבען געהאט די זכיה צו לעבען אין דער צייט ווען איהר זיינט געווען פרעזידענט. מזל טוב מר. פרעזידענט! דער אויבערשטער זאל העלפען אז אייערע שונאים זאלען אייך פיינט האבען, ווי איהר האט דאס פארדינט, און אייערע פריינט זאלען אייך ליב האבען ווי איהר האט דאס פארדינט.

אייער נאמען, מר. פרעזידענט, איז א תפלה אויף אונזערע ליפען. מיר בענשען זיך מיט אייך. אונזער הארץ געהערט אין גאנצען צו אייך, אונזערע בעסטע און שעהנסטע געפילען געהערען צו אייך, אונ־זער לעבען געהערט צו אייך. איהר זייט אונזער דערלייזער, אונזער רעטער, און דער אויבערשטער זאל אייך געבען כח ווייטער צו פירען ווי איהר האט געפירט ביז איצט. עס איז א פריווילעגיע, מר. פרעזי־דענט, צו לעבען אין א לאנד איבער וועלכע איהר רעגירט, און פאר־אייניגט שענקען מיר אייך אונזערע לעבענס און טוט מיט זיי וואס איהר ווילט. וואס איהר ווילט—ווילען מיר.

איהר ווילט די יאפאנטשיקעס זאלען אפגעווישט ווערען פון דער וועלט, דאס ווילען מיר אויך.

איהר ווילט אז די נאצים מיט היטלער'ן אינאיינעם זאלען ברעכען האלז און נאַקען—דאס ווילען מיר אויך.

איהר ווילט אז מענשען אין דער נאך־מלחמה'דיגער צייט זאלען לעבען פריי און זיך באוועגען פריי—דאס ווילען מיר אויך. אייער ווילען איז אונזער ווילען.

מיר שטעהען הינטער אייך גרייט אוועקצוגעבען אלץ וואס מיר האבען, אונזער פארמעגען, אונזערע זיהן, אונזער גאלד און זילבער און בכלל אלץ וואס איז אונז ליב און טייער. מיר שטעהען הינטער אייך ווייל מיר ווייסען אז איהר קעמפט פאר גערעכטיגקייט, יושר, און פאר אלץ וואס איז שעהן אין לעבען.

מיר שטעהען הינטער אייך, מר. פרעזידענט, ווייל מיר האבען אייך ליב ווי ס'לעבען, און ווייל איהר זיינט א נאַבעלער מענש און איהר האט איינגעזעהן אז דאס גרעסטע אומגליק אויף דער וועלט איז היטלער, ימח שמו וזכרו.

מזל טוב, מר. פרעזידענט, זאלען זיך מעהרען אייערע יאהרען און איהר זאלט דערלעבען צו זעהן א גערייניגטע און אויסגעלייזטע וועלט. א וועלט אָהן היטלער'ן און אָהן דיקטאטור.

אמעריקא פייערט דעם פרעזידענט׳ס 60טען געבורטסטאג

(קורצע אויסצוגען פון פרעזידענט רוזוועלט׳ס רעדעס)

צו 60 יאהר איז פרעזידענט רוזוועלט אויף דער העכסטער הויך פון זיין וואונדערבארער טעטיגקייט און פון זיין כשר-פארדינטען רוהם ביי אלע פרייהייט-ליבענדע מענשען פון דער וועלט.

פרייטאג, דעם 30טען יאנואר, 1942, איז ער אלט געווארען 60 יאהר. דאס גאנצע לאנד און די גאנצע דעמאקראטישע וועלט האבען יענעם טאג איהם באגריסט און געוואונשען אז ער דער פיהרער און הויפט-קאמאנדיר פון דער מעכטיגסטער דעמאקראטישער מלוכה, זאל אין בעסטען געזונט ווייטער פיהרען און דערפיהרען זיין פאלק און די אנדערע פעלקער צו א פולשטענדיגען און לעצטען זיג איבער די אינ-טערנאציאנאלע באנדיטען, וואס ווילען די וועלט ארייגווארפען אין פינסטערניש און קנעכטשאפט.

(פון דער רעדע ביים אָננעמען די ערשטע נאמינאציע אין שיקאגא אין יאהר 1932)

„איך וויל אין דעם איצטיגען קאמפיין אויסמיידען יעדע היפאָ-קריטסטווע, אפנארעריי און די נארישע פיהרונגען פון מאכען זיך ניט-זעהענדיג. איהר האט מיך נאמינירט, און איך ווייס דאס, בין איך אהער געקומען אייך אפצודאנקען פאר דעם כבוד. זאל דאס זיין א סימבאָל, אז טוענדיג דאס ברעך איך א טראדיציע. מיר וועלען ברעכען ניט איין נארישע טראדיציע, און פאר די רעפובליקאנער וועלען מיר איבערלאָזען צו ברעכען צוזאגען. איך זאג צו איינצופיהרען פאר׳ן פאלק אין אמעריקא א נייע אָרדנונג. מיר האבען דאָ איצט פאר זיך מעהר ווי א פאָליטישען קאמפיין. דאס איז א רוף צו וואפען.“

(פון א קאמפיין רעדע אין 1932)

„די איצטיגע אומגליקליכע צייט פאָדערט פון אונז מיר זאלען בויען פלענער, שטיצענדיג זיך אויף די פארגעסענע מענשען, איינ-שטעלענדיג אונזער גלויבען אין יענע פארגעסענע, וואס ליגען גאָר אונטען אין דער עקאָנאָמישער פיראמידע. די רעגירונג מוז איצט געבען הילף דעם קליינעם און שוואכען, ווינציגסטענס אזויפעל הילף ווי זי גיט איצט די גרויסע באנקען און קארפאראציעס.“

(פון דער רעדע ביי דער איינשווערונג-צערעמאָניע אין יאנואר, 1937)

„דער אמת איז אז אין די פארגאנגענע פיר יאהר איז די ארבייט פון דער רעגירונג אין אלצדינג געווארען דעמאקראטישער, ווייל מיר האבען אנגעהויבען אוועקצושטעלען די פריוואטע אויטאקראטישע

מאכטען אונטער א קאָנטראָל פון דער רעגירונג פון פאָלק. עס איז צוקלאפּט געווארען די לעגענדע, אז זיי זיינען אומבאזיגבאר, אומדער־גרייכבאר, פאר דער דעמאקראטישער מלוכה־פארוואלטונג. מיר האָ־בען זיי ארויסגעפאדערט צום קאמף און מיר האבען זיי געשלאגען.

„עס איז קלאָר פאר אלעמען אז מיר געהן אלץ מעהר ארויס פון דעם קריזיס, אבער דאס איז נאך ניט אלץ וואס מיר אלע פארשטעהען אונטער דעם נאָמען „א נייע אָרדנונג". אונזער צוזאג איז געווען ניט צו פארלאזען לעבער מיט געניצטע מאטעריאלען פון געזעלשאפט־ליכער גערעכטיגקייט, האבען מיר זיך אונטערגענומען אויפצושטעלען אויפ'ן אלטען פונדאמענט א דויערהאפטיגערע געביידע וואס זאל בריינגען מעהר נוץ פאר די קומענדיגע דורות...

„לאמיר זיך נאך אמאל פרעגען: האבען מיר דערגרייכט דעם ציל וואס מיר האבען זיך פאָרגעשטעלט יענעם פערטען טאג אין מארטש, 1933? האבען מיר געפונען דעם וועג צו אונזער גליקליכען טאָג? . . .

„אבער אָט איז די ארויספאָדערונג צו אונזער דעמאקראטיע. איך זעה אין אונזער לאנד צענדליגע מיליאנען בירגער, א גרויסען טייל פון דער גאנצער באפעלקערונג, וואס אין דער איצטיגער רגע, ווען איך רייד צו אייך, פעהלען זיי די מערסטע ארטיקלען און פראָדוקטען, וועל־כע ווערען אָנגענומען פאר לעבענס־נויטיגע אפילו לויט די נידעריגסטע סטאנדארדס.

„איך זעה מיליאנען וואס לעבען טעגליך אין שטאט און אין דאָרף אונטער אזעלכע באדינגונגען, וואס די אזוי־גערופענע איידעלע גע־זעלשאפט וואלט נאך מיט א האלבען יאהרהונדערט צוריק געהאלטען פאר אומאנשטענדיג.

„איך זעה מיליאנען וואס באקומען ניט קיין בילדונג, האבען ניט קיין שום פארוויילונג זייער אייגענעם גורל צו פארבעסערען, קיין שום אויסזיכט צו פארבעסערען דעם גורל פון די קינדער.

„איך זעה ווי מיליאנען האבען ניט די מעגליכקייט צו קויפען די פראָדוקטען פון דער ערד און פון דער פאבריק, און זייער אָרימקייט נעמט אוועק די באשעפטיגונג, פראָדוקטיוויטעט ביי נאך א סך אנ־דערע מיליאנען.

„איך זעה ווי א דריטעל פון פאלק האט שלעכטע היימען, שלעכ־טע קליידונג, און ניט גענוג נאהרונג."

* * *

(א באגריסונג צום פאראייניגטען פאלעסטינער אפּיל, פעברואר 1937)

„דאס אמעריקאנער פאָלק, וואס איז אלעמאל עמפינדליך צו מענשליכער פרייהייט, האט נאכגעפאלגט מיט אינטערעס און מיט־

געפיהל די ארבייט פון די אידען צו באנייען אין פאלעסטינע דעם בונד פון זייער אוראלטען היימלאנד און ווידער אויפצולעבען די אידי־שע קולטור אויפ'ן אָרט וואו זי האט געבליהט אין פארלויף פון יאהר־הונדערטער און פארשפרייט אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער וועלט.

„היי־יאהר ווערט צוואנציג יאהר זינט דער באלפור דעקלאראציע, וואס איז געווען דער פונדאמענט פון דער איצטיגער אויפבוי־ארבייט אין אידישען היימלאנד. די צוויי פארגאנגענע יאהרצענדליגע האבען צו געזעהן א מערקווירדיגען ביישפיל פון לעבענס־כח און פון א ווייטען בליק ביי די אידישע פיאָנערען אין פאלעסטינע. עס דארף זיין א קוואַל פון שטאָלץ פאר די אידישע בירגער פון די פאראייניגטע שטאַ־טען, וואס זיי האבען אויך א טייל אין אָט דער גרויסער ארבייט פון ווידער־אויפלעבונג און ווידער־אויפבוי".

* * *

(פון א רעדע אין שיקאגא, אָקטאבער, 1937)

„דער פרידען, די פרייהייט, און די זיכערקייט פון 90 פראָצענט איינוואוינער אויף דער ערד שטעהן אין געפאר צוליב די איבעריגע 10 פראָצענט וואס סטראשען צו צוברעכען יעדע אינטערנאציאנאלע אָרדנונג און געזעץ. די 90 פראָצענט מענשען וועלכע ווילען לעבען אין פרידען און לויט'ן געזעץ און סטאנדארד פון מאראל, וואס זיינען דורך די יאהרהונדערטער געווען כמעט אומעטום אנגענומען, אָט די 90 פראָצענט קאנען און מוזען געפינען א מיטעל דורכצופיהרען זייער ווילען.

„צום אומגליק זעהט טאקע אויס אז איבער דער וועלט צושפרייט זיך אן עפידעמיע פון געזעצלאָזיגקייט.

„ווען אן עפידעמיע פון א פיזישער קראנקהייט הויבט אָן זיך פארשפרייטען, וועט דאָך יעדע שטאט, יעדער דאַרף איינשטעלען א קאַראַנטין ארום די קראנקע צו פארהיטען דאס געזונט פון דער גאנ־צער מענשליכער געמיינדע".

* * *

(זאָצען און שפרוכען פון פארשיידענע רעדעס 1938־1941)

„אונזער זיכערקייט באשטעהט ניט נאָר אין וואָפען אליין, די ארעמס וואס האלטען זיי מוזען זיין שטארק; די אויגען וואס פיהרען זיי, מוזען זיין קלאָר; דער ווילען וואס באוועגט זיי מוז זיין אומבא־זיגבאר."

* * *

„דעמאקראטיע איז ניט סתם א וואָרט אויסצושרייען ביי א פאָ־ליטישער פארזאמלונג און נאך די וואהלען אריינצושטעלען איהם צוריק אין ווערטערבוך."

„מיר זיינען דער גרויסער ארסענאל פון דעמאקראטיע; פאר אונז איז דאס א נויט-צושטאַנד וואס איז אזוי ערנסט ווי מלחמה גופא. מיר מוזען זיך א נעהם טאן פאַר אונזער אויפגאבע מיט דער זעלבער אנטשלאָסענהייט, מיט דעם זעלביגען נויט-געפיל, מיט דעם זעלביגען גייסט פון פאטריאטיזם און גרייטקייט אויף קרבנות, ווי מיר וואלטען אליין געווען אין דער מלחמה."

* * *

די אורזאך וואס האט מיך געמאכט צו פאראייביגען די גייסטיגע רעדעס פון אונזער באליבטען פרעזידענט אין מיין בוך איז א טאָפּעלטע. ערשטענס איז פון זעהן ביז הערען א גרויסער אונטערשייד. איין (1) אויג איז באגלויבטער ווי צוויי אויערען (א פאָלק שפּרוך-וואָרט). מען האט טאקע געהערט זיינע איינדרוקספולע און ממש אומפארגעסליכע רעדעס אויף דער ראדיא, אבער זעהן די אייגענע רעדעס שווארץ אויף ווייס אין אידיש, איז גאר א גרויסער פארגעניגען. צווייטענס, זאלען די וואונדערבארע רעדעס פון דעם גאט-געבענשטען קינסטלער ווי אונזער פרעזידענט, פריינקלין דעליינא רוזוועלט, בלייבען אן אייביגער אנדענקען, און אויך זיין זעכציגסטער געבורטסטאג וועלכען דאס גאנצע לאנד האט געפייערט יום ו' י"ב שבט פרשה בשלח, שנת תש"ב.

פרעזידענט רוזוועלט'ס מעסעדזש צו דער ציוניסטישער קאָנווענשאן

פאָלגענדער מעסעדזש איז צוגעשיקט געווארען פון פרעזידענט רוזוועלט, דאטירט 4טען סעפטעמבער, 1941, און אדרעסירט צו ראביי איזידאר ברעסלאוו אין וואשינגטאן, עקזעקוטיוו סעקרעטער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקא.

„מיט גרויס פארגעניגען שיק איך מיין באגריסונג צו דער 44טער יעהרליכער קאנווענשאן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקא, וואס עפענט זיך די טעג אין סינסינעטי.

„מיין פאראינטערעסירטקייט אין דער אידיש-נאציאנאלער היים האב איך שוין אויסגעדריקט ביי פריהערדיגע געלעגענהייטען און מיט א טיפער צופרידענהייט דארף עס באמערקט ווערען, אז די געפאַר פאר ארץ ישראל, וואס איז נאך עטליכע חדשים צוריק געווען צימליך ערנסט, איז אין איצטיגען מאָמענט פארהעלטענסמעסיג דער-ווייטערט געווארען. עס איז פאר מיר קוים נויטיג צו באטאָנען, אז די סכנה וואס באדראהט ארץ ישראל אונטערשיידעט זיך אין עצם ניט פון דער סכנה וואס באדראהעט אמעריקא, און איך בין איבערצייגט

אז אין אייערע פארהאנדלונגען וועט מען זיך שטארק רעכענען מיט דעם דאָזיגען פאקט. איך האָף אז דער טאג וועט קומען ווען דאס גרויסע ווערק איז דערגרייכט געווארען און דאס בויען פון ארץ ישראל וועט קענען פארטגעזעצט ווערען אין פרידען און הארמאָניע".

(געצייכענט) פריינקלין ד. רוזוועלט.

די היסטארישע באגריסונגען פון פּרעזידענט רוזוועלט און פון די מעהרסטע מיטגלידער פון זיין קאבינעט, און פון פילע אידען-פריינט צום נייעם יאהר

פּרעזידענט רוזוועלט, אין זיין היסטארישען שעהנעם באגריסונג, דריקט אויס צופרידענהייט וואס די אידען אין אמעריקא געניסען רעליגיעזע פרייהייט און טאָלעראנץ, זאכען וואס זיינען ניט ערלויבט די אידען אין פילע לענדער, און ווינשט דעם אידישען פאָלק, עס זאל אויסגעלייזט ווערען פון די צרות וואס פילע שטעהן אויס אונטער דעם נאציזם און פאשיזם.

סענאַטאר וואגנער, אין זיין מעסעדזש צום אמערי-קאנער אידענטום, גיט אן איבערבליק איבער די טרויעריגע געשעהע-נישען פון דעם פארגאנגענעם יאהר אין די פארשיידענע לענדער פון אייראפא, און דריקט זיך אויס אז אין די הייליגע טעג וואס די אידען האבען טראדיציאנעל באשטימט פאר תפילה און תשובה, שליסען זיך אָן אמעריקאנער פון יעדען רעליגיעזען גלויבען, אין דער שטארקער האפנונג אז דאס נייע יאהר וועט ברייגגען די ענדליכע פארניכטונג פון היטלער'ס נייער אָרדנונג פון שקלאפעריי און אונטערדריקונג, אזוי אז פרידען באזירט אויף פרייהייט און גערעכטיגקייט זאל קומען צו דער ליידענדער וועלט.

סענאטאר מיעד, דריקט זיך אויס, עס איז מיין פערזענ-ליכע האפנונג אז ווען די וועלט וועט זיין אפגערייניגט פון די ווילדע בארבארען, מיט וועלכע זי איז איצט אָנגעשטעקט, וועט געמאכט ווערען אן אויפריכטיגע אָנשטריינגונג דורך פילע צו עטאבלירען א געניגענדע היימלאנד פאר דעם אידישען פאלק. כאטש עס איז שווער אויסצודריקען פרעהליכע באגריסונגען אויף אָט דעם נייעם יאהר, צוליב דער אומגעהויער שווערער אויפגאבע וואס מיר האבען פאר זיך, און צוליב דעם טרויער פון דער וועלט בכלל ארום אונז, וויל איך אבער איבערגעבען מיין אויפריכטיגע ברכה צו די אידען אין נויארק סטייט און צו די אידען פון איבערן גאנצען לאנד, פאר א ניי-יאהר פון פרידען און גליק.

מ ע י א ר ל א ג א ר ד י א, דריקט זיך אויס, מיט'ן אָנקום פון ראש השנה 5702, וויל איך באגריסען די אידען פון נויארק סטייט און די אידען פון די פאראייניגטע שטאטען און פון דער גאנצער וועלט. זאל דאס נייע יאהר פארלינדערען דיליידען און דעם צער פון די אידען אין די לענדער פון פארשקלאפונג, און פאר די אידען אין די פאראיי־ניגטע שטאטען זאל דאס דינען ווי א געלעגענהייט צו דאנקען גאט פאר די זיכערהייט און פרייהייט וואס איז די געבורטס־רעכט פון יעדען אמעריקאנער.

ק ל א ו ד א. וו י ק א ר ד, אגריקולטוראל מיניסטער, דריקט זיך אויס, די וועלט האט געזעהן א סך צייטען פון בהלה און יסורים זייט דער אידישער לוח האט גענומען רעכענען די צייט, צוריק מיט טויזענטער יאהרען. נאך יעדען שווערען נסיון איז דער מענשליכער גייסט ווידער געקומען צו זיך און געמאכט פרישען פאָרשריט. אויפ'ן שוועל פון יאהר 5702 שטעהן מיר ווידער פאר א קריטישען פעריאד, אבער מיט'ן שטייגען פון אונזער קראפט און אנטשלאסענהייט, קענען מיר אלס א פאלק, אָהן מורא פאָראויס זעהן א נייע, א בעסערע וועלט. איך שיק מיינע בעסטע ניי־יאהר וואונשען צו די אידישע בירגער פון די פאראייניגטע שטאטען וואס האבען שטענדיג א סך בייגעשטייערט און שטייערען ווייטער ביי צום אוצר פון אונזער נאציאנאלען לעבען.

ק א ר ל מ. כ ו ו א ר א ו ו ס ק י, א גלח פון ברוקלין, זאגט:

„איך פיהל אז די היי־יאהריגע אידישע ימים טובים האבען א ספעציעלע באדייטונג, ניט בלויז פאר אידען פון אמעריקא און פון דער גאנצער וועלט, נאָר אויך פאר זייערע קריסטליכע מיטבירגער, און עס איז מ'יין אויפריכטיגער וואונש אז אין דער זעלבער צייט וואס דער שופר וועט די אידען אומעטום רופען צו גערעכטיגקייט תשובה און צו האפנונג אויף א זיג, זאל אויך אין די הערצער און אין געווי־סענס פון אלע קריסטען קומען א נייע אפשאצונג און פארשטענדניס, וועגען דער באדייטונג פון אידישקייט פאר אונזער ציוויליזאציע, און א נייער באשלוס צו פארטרייבען דעם גייסט פון אנטיסעמיטיזם און אלע אנדערע אוממענשליכע פאָראורטיילען, און געמיינזאם צו ארביי־טען מיט זייערע אידישע מיטמענשען פאר יענער אָרדנונג פון פרידען, גערעכטיגקייט און פריינדשאפט, וואס איז דער טרוים פון דיזע צוויי וועלט רעליגיעס. זאל דאס נייע יאהר 5702 ברייננגען א פארווירקלי־כונג פון אלץ וואס דאס אידישע פאלק ווינשט זיך.



עדת ישראל שוהל, די עלטסטע שוהל אין וואשינגטאן

די געשיכטע

פון אלע

שולען אין וואַשינגטאָן

געשריבען פון משה ב"ר צדוק אלעקס

עדת ישראל שוהל

די עדת ישראל קאָנגרעגיישאַן איז די עלטסטע אידישע אָרטאָ־דאָקסישע שוהל אין וואשינגטאן. זי האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1865. אין יענע יאהרען זיינען נאך געווען גאר ווינציג אונזערע מזרח אידען, אדער ווי די דייטשען פלעגען זיי רופען, „די אָסט יודען". רעפאָרמירטע דייטשע אידען זיינען שוין געווען, אבער פון אָרטאָדאָק־

סיימאן אפּענהיימער

דזשאזעף ווילנער

סישע אידען איז דאס געווען די ערשטע קאָנגרעגיישאן. איינינע דייטשע אידען האבען זיך אפּגעטיילט פון די רעפארמירטע און מיט נאך איינינע פון ניט רעפאָרמער, האבען זיי זיך פאראייניגט און הא־בען געגרינדעט אן ארטאדאקסישע קאָנגרעגיישאן. דער ערשטע מעמ־בערס זיינען געווען געמישטע, דייטשע מיט רוסישע, אריבערגעקומע־נע פון אלע לענדער.

ביז 1876 האבען זיי ניט געהאט קיין אייגענע היים, אז מען זאל דאס קענען רופען שוהל. זיי פלעגען דאווענען און אויך פיהרען מיטינ־גען אין די היימען פון די מעמבערס, יעדעס מאל ביי אן אנדער מעמבער. אין 1876 האבען זיי שוין געהאט די ערשטע שוהל. די ערשטע בעאמטע פון דער ערשטער קאָנגרעגיישאן זיינען געווען:

פרעזידענט, דזשאן באיער; וויים־פרעזידענט, דזשייקאב פייזער; סעקרעטער, מארים קאהען; טרעזשורער, רפאל סאנגער; טראַסטים, זרח הארטאנג, איסאק ליוויי, מארים קאהען; גבאים, מנשה אפענהיי־מער און פייוויש קאהען. די קאָנסטיטושאן פון דער קאָנגרעגיישאן אין אָנגענומען געווארען אין יאהר 1876. די קאמיטע וואס האט צונויפגעשטעלט די קאנסטיטושאן איז באשטאנען פון די פאָלגענדע מעמבערס: דזשאן באיער, מנשה אפענהיימער, לואיס ראסמאן, ג. גאלדבערג, לואיס סאלאף, הערמאן בוימגארטען און דזשייקאב רייך. אין די יאהרען 1876, 1877 און 1878, האבען די מעמבערס געהאט זעהר א שווערע ארבייט מיט קאָלעקטען דיוס. די מעמבערס פון שוהל פלעגען דארפען זיין קאלעקטארס פון דיוס. די ערשטע פראָטאָ־קאָלען ווייזען אז דער ראבאי וואס איז אויך געווען חזן, האט אויך קאָלעקטעט דיוס.

אין 1891 איז שוין די מעמבערשיפ געווארען גרעסער און גרע־סער, האט מען שוין געהאט א שטענדיגע שוהל. די ערשטע רעגעלע שוהל, וואס האט שוין געטראגען דעם נאמען „עדת ישראל", אין דער זעקסטער און „דזשי" סטריטס, נ. וו.

די ערשטע חברה קדישא האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1901, און אין דעם יאהר איז עלעקטעט געווארען דער ערשטער ראבאי, דר. דזשיי. ט. לאעב. ער איז געווען דער ערשטער גייסטיגער פיהרער אין עדת ישראל בפרט און ביי וואשינגטאנער אידען בכלל. דר. דזשיי. ט. לאעב איז געווען ראבאי זעקס יאהר, ביז 1907. פאר דער צייט איז די מעמבערשיפ געוואקסען אלץ גרעסער און גרעסער, ביז זיי האבען באשלאסען צו בויען א גרויסע שוהל אין וואשינגטאן, און מיט דער הילף פון ראבאי לאעב האבען זיי אין 1906 געלייגט דעם ווינקעלשטיין פון דער איצטיגער גרויסער און שעהנער עדת ישראל שוהל.

אין יאהר 1908 איז געווען דער שעהנער חנוכת הבית פון דעם הייליגען בנין אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם פרעזידענט אין יענעם יאהר, מר. סיימאן אפענהיימער ע"ה, און פון דר. ראבאי דזשיי. ט. לאָעב, וועלכער איז דאמאלסט געווען דער איינציגער גייסטיגער פיהרער אין וואשינגטאן. אין די יאהרען פון 1908 ביז 1914 האבען זיי זיך געגויטיגט אין געלט, נאר א דאנק דעם דאמאלסדיגען פרעזי־דענט, מר. סיימאן אפענהיימער ע"ה, וועלכער איז געווען פרעזידענט פון 1888 ביז 1922, איז די געלט פראגע פארענטפערט געווארען. נאך דעם חנוכת הבית האבען זיי אנגענומען הרב בענדזשאמין גראס־מאן אלס דער גייסטיגער פיהרער און רעוו. אדלער שאפערמאן אלס חזן און לעהרער מיט די קינדער פון דער שול אין יענער צייט.

באלד איז וואשינגטאן געווארען מעהר באזעצט מיט אידען (כן ירבו) און די מעמבערשיפ פון דער עדת ישראל קאָנגרעגיישאן איז

א סך פארגרעסערט געווארען ביז היינט. אין 1921 האבען די קינדער פון בערנארד שלאסבערג געבויט דעם טשאפעל אויף דעם בית-עלמין אין דעם אנדענקען פון זייער פאטער וועלכער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער.

ביי דער איצטיגער צייט, ווען דער בוך ווערט געשריבען, זיינען די בעאמטע פון דער שוהל: פרעזידענט, מר. דזשאזעף ווילנער, שוין צום פערצענטען יאהר; וויס-פרעזידענט, מר. הערמאן ראבען; טרעזשורער. מר. דזשאזעף בלומענטהאל; פינאנס סעקרעטער, מר. אייב שעפערמאן; רעקארדינג סעקרעטער, מר. לעסטער ליוואי. זייערע גייסטיגע פיהרער זיינען ראבאי סאלאמאן מעטץ, פון 1930, און חזן רעוו. אלעזר הלוי נאוויק, פון 1923. די מעמבערס פון דער קאנגרעשאן און די מתפללים פון דער שוהל זיינען זעהר צופרידען פון זייערע גייסטיגע פיהרער. מר. מארים סטיין, טשערמאן פון דער סעמעטערי קאמיטע שוין פיעלע יאהרען; מר. מאקס אסטראוו, טשערמאן פון דער סקול בארד. די בעאמטע פון דער ליידים אוקזילערי, וועלכע טוט גוטע ארבייט פאר דער שוהל זיינען ווי פאלגט: פרעזידענטין, מרס. עליאט לעווינסאן; וויס-פרעזידענטין, מרס. הענרי גישנער; צווייטע וויס-פרעזידענטין, מרס. הערמאן וויים; דריטע וויס-פרעזידענטין, מרס. דזשייק שלאסבערג; רעקארדינג סעקרעטער, מרס. דזשייק וואקס; טרעזשורער, מרס. לואיס ראדיש; פינאנס סעקרעטער, מרס. דזשאזעף בלומענטהאל. דער יוגענד קלוב: הערבערט פאזער, פרעזידענט; ראלף ווינקלער, וויס-פרעזידענט; גליידים סויבערמאן, סעקרעטער; דזשעק קלאבין, טרעזשורער און סערע פישער, קארעספאנדינג סעקרעטער.

די היסטאריע פון דער תלמוד תורה שוהל

וואשינגטאן, די עיר הבירה פון די יונייטעד סטייטס, איז צוטיילט אויף פיר געגענדען: נארד-וועסט, סאוט-וועסט, נארד איסט און סאוט איסט. אין די ערשטע יאהרען ווען אונזערע אריבערגעקומענע עמיגראנטען אידען האבען זיך גענומען מאכען אין וואשינגטאן זייער היים, איז נאך געווען פון איין געגענד צום צווייטען זעהר ווייט. קיין אטאמאבילס האט מען נאך ניט געהאט, קיין באסעס איז נאך ניט געווען. די קארס זיינען אויך ניט געגאנגען ווי אין די לעצטע יאהרען. ווען א גרינער האט געהאט דעם צופאל צו באזעצען זיך אין נארד-וועסט, איז ער געווען זעהר ווייט אוועק פון דעם אידען וואס האט זיך באזעצט אין סאוט-וועסט.

ווען אידען האבען זיך אנגעהויבען מאכען זייער היים אין וואשינגטאן, און דערצו האבען זיך אייניגע באזעצט אין סאוט-וועסט,

האבען זיי אנגעהויבען פיהלען אז עס פעהלט זיי א שוהל. אידען קענען ניט לעבען אהן א שוהל, ווי עס איז באוואוסט. אונטער יעדער צייט געפינען זיך איניגע וואס דערפיהלען גיכער אז עס געהט זיי עפעס אָפּ צום גייסטיגען לעבען, דאן איז עס געווען ר' אייזיק ליוויי ע"ה, ר' צבי גארפינקעל ע"ה און מר. זונדעל ראזענבערג, וועלכער איז נאך דער איינציגער לעבעדיגער מעמבער פון די ערשטע גרינ־דערס. אלע אנדערע פון די ערשטע גרינדערס זיינען שוין אויף דעם עולם האמת.

זיי האבען דערפיהלט אז אידען מוזען האבען א שוהל. דעם ערשטען מנין האבען זיי געמאכט אין הויז פון אייזיק ליוויי ע"ה, אזוי האבען זיי ארומגעמופט גאנצע צעהן יאהר פון הויז צו הויז און עס איז געווען זעהר שווער אויסצוקומען. אין פארלויף פון די צעהן יאהר האבען זיך מעהר אידען באזעצט אין דעם סאוט־וועסט געגענד און עס זיינען אויך צוגעקומען איניגע טיכטיגע מעמבערס, האט מען באשלאסען צו קויפען א פלאץ פאר אן אייגענער שוהל.

צו יענער צייט איז געווען דער פרעזידענט ר' מאיר זלמן וויינ־בערג ע"ה; וויים־פרעזידענט, ר' זונדעל ראזענבערג נ"י, און מען האט געקויפט דעם פּלאץ אויף וועלכען די איצטיגע תלמוד תורה שוהל געפינט זיך.

אויף א שמחה של מצוה פון א ברית־מילה ביי ר' משה גארפינקעל און אויך פון א ברית ביי ר' זונדיל ראזענבערג, איז געשאפען געווארען א באדייטענדע סומע געלט מיט וועלכען מען האט אנגעפאנגען צו בויען די איצטיגע שוהל.

רעוו. מ. ד. יאָעלסאן שו"ב איז געווען דער גייסטיגער פיהרער פון דער שוהל פאר פילע יאהרען. אין 1912, ווען זיי האבען געזעהן אז די קהלה איז שוין גרוים און אז מען קען שוין אויסהאלטען א רב, האבען זיי באשלאסען צו נעהמען א רב, און זיי האבען אויפגענומען דעם באוואוסטען גאון צו יענער צייט, הרב ר' משה אהרן הורוויטש זצ"ל, וועלכער איז געווען דער גייסטיגער פיהרער פון דער תלמוד תורה שוהל און אויך פון וואשינגטאנער אידען בכלל, גאנצע 24 יאהר.

נאך דער פטירה פון הרב הורוויטש זצ"ל, נאך פיעלע באמיהונ־גען, האבען זיי אויפגענומען דעם באוואוסטען גרויסען רב הרב ר' יהושע קלעוואן שליט"א, וועלכער איז אויך באליבט ביי אלע וואשינג־טאנער אידען און איז אויך אנערקענט ביי די רבנים און אויך פון דער אגודת הקהלה אלס דער ראש הרבנים. אין 1936, אפריל דעם 21טען, איז געווען דער אינסטאליישאן.

די שוהל האט אויך א גמילת חסד ברענטש וועלכער לייהט אוים צו איהרע אייגענע מעמבערס ביז 200 דאלאר.

אפיסערם פון דער שוהל זיינען איצט: פרעזידענט, א. האוזער; וויים-פרעזידענט, משה פליישמאן; טרעזשורער, ה. מארגענסטיין; רעקארדינג סעקרעטער, א. ראסען; פינאנס סעקרעטער, א. הורוויץ. די אפיסערם פון דעם יאהר תש"א זיינען: פרעזידענט, מר. משה פליישמאן; וויים-פרעזידענט, מר. סקולער; גבאי ראשון, מר. ראזענבערג.

החלטת תנחומים למשפחת המנוח הרב הגאון משה אהרן הורוויטש זצ"ל

אשר עזב אותנו ביום כ"ב אדר שני תרצ"ה.

אנחנו אגודת הקהלות בוואשינגטאן מביעים את צערנו הגדול על מות מנהיגנו הרוחני שלשלת היוחסין, הרב הגאון רבינו משה אהרן הורוויץ זצ"ל.

הוא היה לנו למורה דרך במשך עשרים ושלש שנים אשר ישב בתוכנו.

לא נוכל להתנחם ולא נוכל לנחם את משפחתו אשר עזב אחריו כי אבידה שאינה חוזרת היא.

כי מי יעמוד בשבר ומי יחזיק את עמודי התורה שלא יפלו, אבל בזאת תהיה נחמתנו ונחמת אשתו ובניו כי מעשיו הטובים גדולתו בתורה וגאונותו בהלכה אשר הורה אותנו ודן דין אמת בלי משא פנים הם יהיו לפנינו עמוד אש להראות לנו את הדרך אשר נלך בה.

כמשה אז לא כהתה עינו ולא נס לחדו עד הרגע האחרון לחייו.

וכל מעשיו הטובים וגודל צדקתו יהיו נחרתים על לבותינו עד עלם.

ד' ירחם עליהם וישלם נחומים לכל אבליו. בלע המות לנצח ומחה ד' דמעה מעל כל פנים.

ועד הרבנים דוואשינגטאן, ד. ק.

די היסטאריע פון דער קשר ישראל שוהל

פון דזשארדזשטאן

דזשארדזשטאן איז אן אבגעזונדערטע פארשטאט פון וואשינגטאן. מיט 40 יאהר צוריק האבען זיך עטליכע אידען געמאכט זייער היים אין דזשארדזשטאן. ווען די אימיגריישאן טיר איז געווען אָפען און אידען האבען אָנגעהויבען קומען מעהר קיין וואשינגטאן, האבען זיך אויך מעהר אידען אנגעהויבען באזעצען אין דזשארדזשטאן. אין יענע יאהרען ווען קיין אטאמאבילס זיינען נאך ניט געווען און קיין באָסעס זיינען אויך ניט געווען, איז דזשארדזשטאן פון וואשינגטאן געווען גאנץ ווייט. די ערשטע אידען וואס האבען זיך באזעצט אין

דזשארדזשטאן האבען געהאט גרויסע שוועריגקייטען מיט דעם רע־ליגיעזען אידישען לעבען. זיי האבען ניט געהאט קיין רב, קיין שוהל, קיין שוחט. ווען זיי האבען געדארפט קויפען א שטיקעל כשר פלייש אדער אן עוף אויף שבת, פלעגט מען דארפען פאהרען קיין וואשינג־טאן. נאָר די צייט ברייגגט אלעס—מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל —אידען האבען אָנגעהויבען זיך באזעצען וואס מעהר אין דזשארדזש־טאן, האט זיי גאט געהאלפען אז צווישען די ערשטע אריבערגוקומענע אידען איז געווען א שוחט אויך, און דאס איז דער איצט-באוואוסטער עסקן מר. אליהו סטאליער מיט זיין ליבע פרוי לאנע סטאליער, וועלכע האבען זיך ביידע אריינגעווארפען אין דעם דזשארדזשטאנער אידי־שען לעבען. ווען עס איז שוין געווען א שוחט אין דזשארדזשטאן האט מען אָנגעהויבען טראכטען וועגען דאוונען לכל הפחות מיט א מנין בציבור שבת. האבען זיך צונויפגענומען אלע איינוואוינער פון דזשארדזשטאן וועלכע זיינען באשטאנען פון עטוואס מעהר פון א מנין, און מען האט געגרינדעט א חברה מיט דעם נאמען דזשארדזש־טאנער אונטערשטיצונגס פעראיין, מיט 3 דאלאר א יאהר דיוס. דער ערשטער פרעזידענט איז געווען מר. אייב מאָסטאָוו. מען האט אויך געדונגען א האָל אין „עם" סטריט, איבער א סטאר, און מען האט געליהען א ספר תורה און מען האט געדאווענט מיט א מנין.

דעם ערשטען ימים נוראים האט מען שוין גענומען א גרעסערען האָל און פארקויפט טיקעטס צום דאוונען און אויך געדונגען א חזן און די אנדערע כלי קודש וואס מען דארף האבען, א חוץ וואס רעוו. סטאליער האט אטענדעט, און מען איז געווען זעהר צופרידען סאַי גייסטיג, מאטעריעל, און אזוי האבען זיי זיך געפיהרט ביז 1915. מיט דער צייט האבען זיי זיך פארגרעסערט און פון דער קליינער חברה איז געווארען א גרויסער פעראיין, האבען זיי געקויפט א הויז און איבערגעבויט אויף א שוהל, און א נאָמען געגעבען דער שוהל „קשר ישראל" קאָנגרעגיישאן.

די ערשטע פיהרער זיינען געווען מר. מאָסטאָוו, מר. קעסלער, מר. בערמאן ע"ה, סיגעל, גאמזע, ברענער, סטאליער און ליוויי. אין 1925 האבען זיי אָנגענומען הרב ר' יעקב עוזר דובראָוו אלס גייסטיגען פיהרער, און וועלכער איז נאך איצט אויך ביי זיי. אין 1931 האבען זיי אויסגעבויט די איצטיגע גרויסע שעהנע שוהל וועלכע רעכענט זיך אלס איינע פון די ערשטע ארטאדאקסישע שוהלען אין וואשינגטאן. פאר דער לעצטער צייט איז דזשארדזשטאן געווארען א טייל פון וואַ־שינגטאָן. איצט פארמאָגען זיי שוין אן אייגענע אויסגעצאלטע שוהל מיט א מעמבערשיפּ פון 150 כן ירבו; מיט א תלמוד תורה וואס איז א שטאָלץ פאר וואשינגטאנער אידען, אונטער דער לייטונג פון מר. סאומער וועלכער איז אן ערפאנערער פעדאגאָג. הרב ר' יעקב עוזר

דובראָוו לערענט מיט דעם גאנצען עולם דעם בלאט גמרא אלע טאג נאכ'ן דאווענען, און א חוץ דעם לערנען איז דער גאנצער עולם אויך צופרידען מיט זיינע גייסטרייכע דרשות וועלכע ער האלט אלע שבת אין שוהל. א גרויסען יישר כח קומט אויך דער ליידים אוקזילערי פון דער קשר ישראל שוהל. זיי האבען בייגעשטייערט צעהן טויזענד דאלאר צו דעם שעהנעם הייליגען בנין. א חוץ דעם טוען זיי נאך גוטע ארבייט פאר דער שוהל.

אין 1935 האבען די מעמבערס פון שוהל געפייערט די זילבערנע חתונה, דאס מיינט דעם זילבערנעם יובילעאום, מיט גרויס ערפאָלג. די ליידים אוקזילערי פון דער שוהל האט שוין אויך געפייערט זייער זילבערנעם יובילעאום אין 1936. זיי האבען זיך געגרינדעט אין 1911 אונטער דער פיהרערשאפט פון מרס. לאנע סטאליער מיט א קליינער צאָל פרויען. איינינע זיינען שוין אויף דעם עולם האמת. די קליינע גרופע פרויען איז געוואקסען אלע יאהר מעהר און מעהר ביז עס איז צוגעקומען נייע יונגע קרעפטען, וועלכע צעהלען שוין אריבער 100 קיין עיין הרע. זיי האבען אויך געגרינדעט א גמילות חסד פאָנד וואס לייהט אוים צו מעמבערס געוויסע סומען געלט. זיי העלפען אויך א סך צו דער תלמוד תורה פון דער שוהל.

די בעאמטע פאר דעם יאהר תש"א זיינען: דער גייסטיגער פירער, הרב ר' יעקב עוזר דובראָוו; פרעזידענט, מר. ל. עדלאוויץ; וויס-פרעזי-דענט, מר. הערי ליוואי; טרעזשורער, מר. דייוויד מארגאלען; רע-קאָרדינג סעקרעטער, מר. אליהו סטאליער; פינאנס סעקרעטער, מר. אייזענשטיין; גבאים, מר. הערי ליוואי און מר. אליהו סטאליער.

די היסטאריע פון דער אוהב-שלום שוהל

די היסטאריע פון דער אוהב-שלום שוהל איז זעהר א וויכטיגע און אן אלטע היסטאריע. זי הויבט זיך אָן פון 1886, דאס איז מיט 55 יאהר צוריק, און ווי מען קען זעהן נאך די טשארטער מעמבערס זיינען נאך דאן געווען גאר ווינציג אידען. נאָר אידען זיינען א פאָלק וואס קאן ניט לעבען אהן א שוהל, האבען זיך צוזאמען גענומען א הייפעלע אידען און האבען געגרינדעט א קליינע קאָנגרעגיישאן מיט דעם נאמען „חיי אדם". זיי האבען געדונגען א קליינעם צימער איבער א סטאר צו קענען דאווענען מיט א מנין. דער ערשטער מנין איז געווען אין דער 10טער און „די" סטריטס, נ. וו. דער מנין איז געווען זעהר קליין, אבער דער אידישער גייסט איז ביי די ערשטע פיאָנערען געווען זעהר גרויס. מיט 5 יאהר שפעטער זיינען שוין צוגעקומען נאך מעהר אידען אין וואשינגטאן און דער ערשטער פלאץ איז געווארען צו קליין

צו דאווגען, האבען זיי געדונגען א גרעסערען פּאַץ אין 616 לואיזיאנא עוועניו, נ. וו. אבער ווי עס איז באוואוסט קענען אידען ניט אויסקו־מען אָהן א בית־עולם, און אין 1890 האבען זיי געקויפט קרקע פאר א בית־עולם.

ווען דער אידישער ישוב האט זיך פארגרעסערט און דער נארד־וועסט געגענד האט אָנגעהויבען וואקסען און עס זיינען אויך צוגעקו־מען מעמבערס צו דער קליינער קאָנגרעגיישאן, האבען זיך אָנגעהוי־בען, ווי עס פיהרט זיך, א ביסעלע מחלוקת—און עס איז געווארען א חברה אגודת אחים. שפּעטער מיט עטליכע יאהר האבען זיי זיך ארומ־געזעהן אז עס איז בעסער צו האבען איין גרויסע שוהל איידער צוויי קליינע שוהלכעלעך. האבען זיי זיך פאראייניגט און האבען געגרינ־דעט איין גרויסע קאָנגרעגיישאן „אוהב־שלום“ און אין 1904 האבען זיי געקויפט א הויז אין 607 „אייטש“ סטריט, נ. וו. און עס איז געווא־רען א רעגעלע שוהל; נאר דער שלום און דער אחדות האט אזוי ווייט געבראכט אז די שוהל וואס זיי האבען געהאט איז שוין געווען צו קליין צום דאווגען פאר די אלע מעמבערס וואס זיי האבען שוין גע־האט, האבען זיי אפּגעקויפט אן אלטע טשורטש אויף פינפטע און „אַי“ סטריטס, נ. וו. און האבען איבערגעבויט די איצטיגע גרויסע שעהנע שוהל. פאר דער פאראייניגונג און פאר דעם שלום וואס איז געווארען בייביידע קאָנגרעגיישאנס, וואס האט מעגליך געמאכט דער בויען פון אזא גרויסע שעהנע שוהל, איז צו פארדאנקען דעם גבאי פון יענער צייט, ר׳ חיים געווירץ, וועלכער איז נאך איצט אויך דער גבאי, זאל ער לאנג לעבען.

די ערשטע מעמבערס וועלכע האבען ארויסגענומען דעם טשאר־טער אין 1887—סך הכל דריי מעמבערס—מר. מאָזעס סטערמאן ע״ה, מר. נייטען רודערמאן ע״ה, און מר. הערמאן סאקס. די ערשטע גייס־טיגע פיהרער זיינען געווען הרב דר. יהודה לייב לאָעב און הרב ר׳ גדליה סילווערסטאן, וועלכער איז איצט אין ארץ ישראל.

דער איצטיגער גייסטיגער פיהרער איז הרב ר׳ צמח גרין, א תלמיד פון עץ חיים ישיבה אין ירושלים, און א מוסמך פון הרב ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק זצ״ל.

די איצטיגע בעאמטע זיינען: גבאי פון דער שוהל, נאך פון דער צייט ווען זי האט זיך געגרינדעט, ר׳ חיים געווירץ; פרעזידענט, מר. דזשייקאב בעם; וויים־פרעזידענט, מר. אייק קאצמאן; טרעזשורער, ר׳ ברוך בריל; סעקרעטער, וועלכער איז דער שמש און אויך דער בעל תפילה פון א גאנץ יאהר, מר. מאקס גאלדבערג; טראסטים, ר׳ נח חפץ און ר׳ זלמן בליינק; גבאי ראשון פון דער חברה קדישא, מר. אייק קאצמאן; גבאי שני, מר. מארים אלאָי.

די היסטאריע פון דער שומרי שבת שוהל

צו זיין א שומר שבת אין וואשינגטאן אין זעהר א שווערער ענין. אין יאהר 1908, מיט 32 יאהר צוריק, האבען זיך צונויפגענומען א הייפעלע פרומע אידען און האבען געגרינדעט א שומרי שבת מנין. ווער זיינען געווארען די ערשטע מעמבערס? געוועהנליך די שוחטים, וויפיעל עס האבען זיך געפונען אין וואשינגטאן; א פאר אריבערגע־קומענע גרינע חזנים, בעפאר זיי האבען זיך אויסגעגרינט; א פאר אלטע טאטעס וועלכע זיינען געזעסען ביי קינדער אויף קעסט, עס איז נאך ניט געווען קיין מושב זקנים אין וואשינגטאן. דער ערשטער מנין איז געווען אין דעם אידישען געגענד פון יענער צייט, אין 1246 7טע סטריט, נ.וו.

שפעטער מיט עטליכע יאהר זיינען צוגעקומען מעהר מעמבערס שומרי שבת׳ניקעס, עס זיינען אויך צוגעקומען עטליכע פרומע „גוט־אַפּ׳ניקעס“ און האבען איבערגענומען די הויז פון מושב זקנים וואס זיי האבען איבערגעלאזט אין 415 „עם“ סטריט און האבען אויסגע־בויט א רעגעלע שוהל, און עס האט זיך גערופען שומרי שבת קאָנגרע־גיישאן, מיט זעהר א שעהנע שוהל.

די צייט שטעהט ניט אויף אַן אָרט. יאהרען געהן, יאהרען קומען. דער אידישער געגענד איז געווארען אלץ גרעסער און גרע־סער. דאן האט ער געהייסען אויסערן שטאט, היינט איז דאס דער שעהנסטער אידישער געגענד. די שוהל האט אנגעהויבען ליידען. זי איז געבליבען אָהן מעמבערס. אייניגע גוט־אפניקעס זיינען גע־ווארען יורדים, אייניגע אלטע טאטעס האבען געמוזט געהן נאך די קינדער, די שוחטים האבען געמוזט געהן נאך די אידישע כשר׳ע גע־שעפטען, און אזוי איז געבליבען די קאָנגרעגיישאן אָהן מעמבערס. די שוהל איז געשטאנען א שטיקעל צייט פארמאכט. עס איז געווען איכה׳דיג צו זעהן ווי אזא הייליגע שוהל שטעהט פארמאכט. ביז גאט האט געהאלפען, עטליכע אלטע מעמבערס האבען זיך צוזאמענ־גערעדט און האבען נאכאמאל צוריק געעפענט א שומרי שבת מנין אין דעם נייעם אידישען געגענד.

די אפיסערס זיינען: ר׳ נחמן וויינער שוחט, פרעזידענט; ר׳ אברהם שווארץ, סעקרעטער; ר׳ דוב בער מארזעל, טרעזשורער.

די היסטאריע פון דער תפארת ישראל שוהל

פון דער היסטאריע פון תפארת ישראל שוהל קאן מען לערנען די מאטעריעלע לאגע פון דעם אידישען לעבען אין וואשינגטאן. ווען די טויערען פון אמעריקא זיינען געווען אָפען און די אימיגראציע איז אָנגעגאנגען אין לאנד, איז וואשינגטאן אויך געווען אריינגערעכענט מיט אלע שטעט צוגלייך. יעדען יאהר זיינען צוגעקומען מעהר און מעהר אידען (כן ירבו). דער ערשטער מקום פרנסה איז געווען די 7טע סטריט, נ. וו., וואס האט זיך דענסטמאל גערעכענט אלס דער אידישער געגענד, אבער ווען דער ישוב איז געווארען גרעסער האבען זיי זיך גענומען אויסברייטערען צו דער וועסט זייט, און די 14טע סטריט איז געווארען דער צווייטער אידישער געגענד. אין דער גאנצער 14טער סטריט זעהט מען גרויסע שילדען מיט אידישע נעמען, די 14טע סטריט האט אויפגעלעבט א דאנק די אידישע קראָמען. אבער אידען באגנוגען זיך ניט מיטן מאטעריעלען לעבען אליין, זיי דיינקען אויך פון גייסטיגען לעבען, און די אידישע איינוואוינער פון יענער צייט האבען טאקע געגרינדעט די תפארת ישראל קאָנגרעגיישאן אין יאהר 1914. די ערשטע גרינדער זיינען געווען מר. סעמועל ראָד, מר. סעם גודמאן, מר. אליעזר מענש און בנימין דינקען ע"ה. דעם ערשטען ימים נוראים, אין 1914, האבען זיי געפראווען אין א געדונגענען האָל אין דער 14טער און „יו" סטריטס, נ. וו. דער לענדלאָרד, דוקא א גוי, האט זיי ניט גערעכענט קיין רענט פאר דעם האָל. נאך יום טוב האבען זיי געמאכט א מנין ביי מר. מענש אין הויז, אין 2328 אנטעריא ראוד, דערנאך האבען זיי געמאכט א מנין אויף א גאנצען יאהר איבער דעם פאָסט אָפיס אין „יו" סטריט נ. וו. און אין 1916 האבען זיי שוין געקויפט א הויז אין 1708 14טע סטריט, נ. וו. דארט זיינען זיי גע־שטאנען 2 יאהר, און אין 1918 האבען זיי די הויז איבערגעבויט אויף א רעגעלע שעהנע שוהל. אין עטליכע יאהר שפעטער איז שוין די שוהל געווען צו קליין, האבען זיי פארקויפט דאס הויז און האבען געקויפט א הויז אין זעהר א שעהנעם געגענד, אין 1401 יוקליד סטריט, נ. וו., וואו די שוהל געפינט זיך נאך איצט.

דער ערשטער פרעזידענט איז געווען סעמיועל ראָד, וועלכער איז געווען פרעזידענט פאר יאהרען לאנג. די תפארת ישראל שוהל רעכענט זיך אלס איינע פון די אלטע ארטאדאקסישע שוהלען. זייער ערשטער גייסטיגער מנהיג איז געווען הרב ר' גדליה סילעווערסטאן. ער איז געווען זייער פיהרער 13 יאהר ביז ער איז אוועקגעפארען קיין ארץ ישראל. איצט פארנעמט זיין כסא הרבנות דער זוהן, הרב ר' אהרן סילווערסטאן.

די אפיסערס פון 1941 זיינען: עקס-פרעזידענט, מר. סעמיועל ראָד; פרעזידענט, מר. עדוואַרד רעימער; וויים-פרעזידענט, מר. לואיס קראפט; טרעזשורער, מר. דזשעק קראפט; רעקאָרדינג סעקרעטער, מר. פיליפ וואגשאל; פינאנס סעקרעטער, מר. עמנואל ראפיל; טראס-טים, מר. ירמיה וויטץ, מר. לואיס ראפעל און רעוו. משה גאלדמאן. דער גייסטיגער פיהרער איז הרב סילוועסטאן; חזן, ר' יחזקאל איינ-טריט; שמש, ר' שמריה לעווענסאן.

די אפיסערס פון דער ליידיס אוקזילערי זיינען: מרס. ב. פּ. מענש, פרעזידענט; מרס. הערי גאלדמאן, וויים-פרעזידענט; מרס. דזשיי. קאָבער, צווייטע וויים-פרעזידענט; מרס. סעמיועל ראָד, דריטע וויים-פרעזידענט; מרס. א. ב. קלאַוז, טרעזשורער; מרס. ג. פייערטאג, פי-נאנס סעקרעטער; מרס. ה. בעקמאן, קארעספאנדינג סעקרעטער; מרס. ב. קייסער, רעקאָרדינג סעקרעטער.

די היסטאריע פון דער בית שלום שוהל

די היסטאריע פון דער גרויסער שעהנער שוהל בית שלום איז זעהר אינטערעסאנט. מיט א דרייסיג יאהר צוריק, ווען די וואשינג-טאנער איינוואוינער האבען זיך אָנגעהויבען צושפרייטען מעהר איבערן שטאט, און אחינו בני ישראל אויך בתוכם. מען האט געהאקט וועלדער, געטריקענט זומפען און געבויט הייזער. מען האט געמאכט די שעהנסטע גאסען מיט די לייענגסטע עווענויס, און אלץ צו נאָרד וועסט, און דאָ וואו אידען באזעצען זיך ווערט א אידישער געגענד, און וואו נאר אידען געפינען זיך ווערט געשאפען אלץ וואס אידען דארפען האבען. דאס ערשטע וואס אידען דארפען איז א שוהל. אָהן א שוהל קאנען אידען ניט אויסקומען. האבען זיך די ערשטע אידען וואס האבען זיך באזעצט אין דעם געגענד צונויפגענומען און האבען געזעהן מיט אלע כחות צו האבען א שוהל, און אין יאהר 1921 האבען זיי געגרינדעט די ערשטע קאנגרעגיישאן אונטער דעם נאמען „הר ציון."

דער ערשטער מנין וואו זיי האבען אָנגעהויבען דאוונען בצבור איז געווען אין 3006 דזשארדזשיא עווענין, נ. וו., ביי רעוו. שוחט משה יוסף קאהען, וועלכער איז אויך געווען זייער ערשטער גייסטיגער פיהרער. דעם ערשטען ימים נוראים האבען זיי געדאוונט ביי איינעם פון די גרינדערס, מר. קלעוואנס, אין 800 שעפארד, נארדוועסט. ווען זיי האבען געהאט דאס ערשטע ביסעלע מזומן האבען זיי געדונגען א הויז און מען האט שוין געקאָנט אָנרופען הר ציון שוהל.

די ערשטע בעאמטע זיינען געווען: פרעזידענט, מר. סיגמאן עראָן; סעקרעטער, רעוו. משה יוסף קאהען, וועלכער איז אויך געווען זייער גייסטיגער פיהרער.

פאר דער צייט זיינען צוגעקומען אלץ מעהר און מעהר אידען (כן ירבו) אין דעם געגענד און יעדער איד וויל באלאנגען צו א שוהל. די קאָנגרעגיישאן איז געווארען גרויס אין מעמבערשיפּ און אויך אביסעל רייכער אין געלט, האבען זיי געקויפט א הויז אויף אכטער און שעפערד נ. וו. און האבען איהר איבערגעבויט אויף א שעהנע שוהל. זיי האבען שוין אויך געקענט אויפנעמען א רב און זייער ערשטער מנהיג איז געווען הרב משה חיים לעווענסאן, און די הר ציון שוהל מיט איהר גייסטיגען פיהרער הרב משה חיים לעווענסאן זיינען געווארען באוואוסט אין וואשינגטאן.

אין יענער צייט איז געווען אין סאוט-וועסט געגענד א קליין שול־כעל מיט דעם נאמען „וואָלינער אנשי ספרד", אונטער דער פיהרער־שאפט פון דוד ערליך, דוד טאקסין און משה בוימעל, און נאך איניגע. פילע אידען און אויך מעמבערס פון דער שוהל האבען געמופט אין דעם שעהנעם נייעם געגענד אין נארד-וועסט זייט, איז די אנשי ספרד קאָנגרעגיישאן געבליבען אהן מעמבערס און די שוהל האט אנגעהוי־בען פוסטעווען, זיינען איניגע פון די נייע איינוואוינער געווארען מעמבערס פון דער הר ציון שוהל. דאן האבען זיי זיך ארומגעזעהן אז איידער צוויי קליינע שוהלכעלעך איז בעסער איינע א גרויסע, און אין 1937 האבען זיךביידע שוהלען פאראייניגט אונטער דעם נאמען בית שלום.

זיי האבען אויסגעבויט איינע פון די גרעסטע און שעהנסע שוהלען אין וואשינגטאן, א העכסט אידישע ארטאדאקסישע שוהל על פי נוסח ספרד. זיי האבען אויך זעהר א גוטע תלמוד תורה אונטער דער השגחה פון זייער גייסטיגען פיהרער הרב משה ח״ים לעווענסאן. זיי האלטען אויך אָן א יעהרליכען חזן, איינעם פון די בארימטע חזנים, מר. אברהם וויגאדע, מיט א שטענדיגען כאָהר.

די איצטיגע בעאמטע, פון יאהר 1941, זיינען: פרעזידענט, מר. סעם קאלקער; וויים-פרעזידענט, מר. יעקב צבי האבער; טרעזשורער. מר. משה בוימעל; סעקרעטער, מר. דזשאזעף קאהען; גבאים, רעוו. משה יוסף קאהען, מר. דוד טאקסין און מר. ברוך קארפעל. זייער מנהיג איז הרב משה חיים לעווענסאן.

די היסטאריע פון דער עזרת ישראל שוהל

פון דער היסטאריע פון עזרת ישראל שוהל קאן מען לערנען וואס פאר א מזל ברכה אידען זיינען אין א שטאט. וואשינגטאן איז א שטאט וואס איז צוטיילט אויף 4 קווארטאלען: נארד־וועסט, נארד־איסט, סאוט־וועסט, סאוט־איסט. מיט א צוויי דורות צוריק איז דער נאָרד־איסט געגענד געווען, מען קאן זאגען, אידען־ריין. די ערשטע דייטשע יאהודים וואס זיינען שוין דאָ פון פריהער, האבען געמאכט זייער היים אין דעם נאָרד־וועסט קווארטאל, מען קאן היינט זעהן אז די גרויסע געשעפטען זיינען אידישע. אין די אכציגער יאהרען, ווען די אימיגראציע איז געווארען גרעסער און עס האבען אָנגעהויבען קומען רוסישע און פוילישע און רומענישע אימיגראנטען, האבען זיך אָנגעהויבען ווייזען מעהר אידישע געשעפטען אין אנדערע טיילען פון שטאט. צו יענער צייט, ווען אידישע עלענדע אימיגראנטען האבען זיך גענומען באזעצען אין די וויטערע געגענדען פון וואשינגטאן, איז דאס ערשטע וואס זיי האבען געטאן איז געווען צו זעהן אז זיי זאלען זיך אליין ארויפארבייטען, זיי זאלען ניט זיין א לאַסט פאר זייערע קרובים וועלכע האבען זיי אריבערגעבראכט קיין אמעריקא. דאס איז פארשטענדליך, די ערשטע ארימע פיאָנערען איז ניט געלעגען אין זינען די שעהנקייט פון שטאט נאָר וואו צו פיהרען א רוהיג לעבען. עס זיינען געווען אזעלכע וואס זיינען געקומען אין איילעניש, אין עלענדקייט, אין נאקעטקייט ווי נאך א שרפה און האבען זיך דאָ איינגעאָרדערט צו מאכען א רוהיג לעבען.

אבער וואס זעהט מען איצט? דער גאנצער נאָרד־איסט געגענד האט אויפגעלעבט. ווען מען געהט דורך „איטש" סטריט, וואס איז די הויפט־גאס, מיט אלע ביזידיגסטע געשעפטען, יעדער איינער זוכט אריבערצושטייגען דעם צווייטען מיט גרעסערע שילדען, מיט בליאס־קענדיגערע עלעקטרישע לעמפלעך, מיט אלערליי מאָדעס און צאצקעס וואס זיי מאכען נאך „עף" סטריט נארד־וועסט. מען זעהט דארט אויך לייכטען פילע אידישע נעמען, מען קאן זאגען מיט שטאלץ אז 80 פראָצענט פון די געשעפטען זיינען אידישע. מען קאן שוין איצט באַגעגענען איינגעזעסענע פארצווייגטע פאמיליעס וועלכע האבען שוין חתונה געמאכט קינדער און אייניקלעך, און גאט האט זיי אויך געבענטשט מיט היבשע טויזענטער. זיי לאזען זיך הערען מיט גאנץ גרויסע נדבות צו אלערליי צדקה אנשטאלטען.

אז אידען האבען זיך באזעצט אין דעם נאָרד־איסט געגענד און האבען אנגעהויבען מאכען א לעבען, איז דאס ערשטע וואס פון וואס זיי האבען געטראכט איז א שוהל, ווארום אָהן א שוהל האט דער איד ניט קיין היים. די שוהל איז דעם אידען'ס גייסטיגע היים. אין שוהל

קומט דער איד זיך אויסריידען זיין ביטער הארץ; אין שוהל קומט דער איד אמאל פייערען זיינע גרויסע שמחות—פארקערט אויך אמאל זיין טרויער ר״ל—און די אידען פון דער נאָרד-איסט געגענד האבען זיך ארומגעזעהן אז זיי דארפען האבען א שוהל. זיי האבען געגרינדעט די עזרת ישראל קאָנגרעגיישאן און האבען אויסגעבויט די שעהנע העכסט ארטאדאקסישע עזרת ישראל שוהל אויף אכטע און „אַי״ סטס. נארד-איסט.. די ערשטע גרינדער זיינען געווען: מר. בן-ציון כ״ץ, קלמן ברייטלער, הענעך נעלסאן, הענעך פוטעראווסקי, בועז פוטע-ראווסקי, משה ברוך פעדערמאן, מר. גענז, אברהם פורמאן און פריינק קלעוואן.

די עזרת ישראל קאנגרעגיישאן האט זיך געגרינדעט אין 1911. דער ערשטער מנין איז געווען אין 9טע און „אייטש״ סטריטס, נ. א. אויבען איבער מר. גאנז׳ס שניידער געשעפט. צום צווייטען יאהר האבען זיי אויסגעבויט זייער איצטיגע שוהל, אויף 8טע און „אַי״ סטס. נאָרד-איסט, וועלכע רעכענט זיך אלס איינע פון די ערשטע ארטא-דאקסישע שוהלען.

די איצטיגע בעאמטע פון 1941 זיינען ווי פאָלגט: פרעזידענט, מר. פערלמוטער; וויים-פרעזידענט, מר. רעזניק.

די בעאמטע פון דער לײדיס אוקזילערי זיינען: פרעזידענט, מרס. מארק קייבעק; וויים-פרעזידענט, מרס. טשארלס דייווים; רעקארדינג סעקרעטער, מרס. דזשאזעף הורוויץ; פינאנס סעקרעטער, מרס. עלבאָן; טרעזשורער, מרס. גאטמאן.

די היסטאָריע פון דער בני ישראל שוהל

אין צענטער פון דעם אפטאון געגענד, אויף דער פערצענטער און עמערסאן סטריטס, איבער די געפלאָכטענע געסלעך פון פריוואטע הייזער, געפינט זיך די ארטאדאקסישע שוהל בני ישראל. די שוהל איז געגרינדעט געווארען מיט 16 יאהר צוריק, אין 1925, ווען די אידי-שע אימיגראנטען האבען ביסלעכווייז אנגעהויבען עמיגרירען פון דאנטאון צו די שעהנערע געגענדען אפטאון. מען האט זיך ארויפ-געארבייט און געזוכט שעהנערע און באקוועמערע געגענדען צו מאכען זיך זייער היים, און דא וואו אידען באזעצען זיך—ווי איך האב שוין פריהער באמערקט—מוזען זיי דאס ערשטע האבען א שוהל. די שוהל איז שטענדיג געווען און איז אויך איצט דער צענטער פון דעם גייס-טיגען און געזעלשאפטליכען אידישען לעבען.

די גרינדונג פון דער בני ישראל שוהל האט זיך אָנגעפאנגען נאך אין 1925, ווען עס האבען זיך צוזאמענגענומען עטליכע פרומע אידען

ווענען עס האט אויסגעפעהלט א שוהל און האבען זיך געמאכט א מנין. טאקע באלד אין גיכען האבען זיי געקויפט א הויז און האבען דאס פארגרעסערט פאר א שוהלכעל אונטער דעם נאמען בני ישראל. די ערשטע שוהלכעל איז געווען אי 4712 דזשארדזשיע עוועניו, נ. וו. די ערשטע גרינדער זיינען געווען מר. דוב בער מערזעל און עלישע שטערמאן, חיים זונדעל קלעוואן און רעוו. שוחט משה זעליג לעווין ע"ה, און משה פרידענבערג ע"ה. דער ערשטער גייסטיגער פיהרער איז געווען רעוו. משה זעליג לעווין ע"ה. דער ערשטער פרעזידענט איז געווען מר. חיים זונדעל קלעוואן און דער ערשטער וויים-פרעזידענט איז געווען מר. הערי הימעלפארב.

אזוי ווי עס פירט זיך אלע מאל ווען א קאָנגרעגיישאן הויבט אָן וואקסען, אזוי איז אויך געווען מיט דער בני ישראל. די קאָנגרעגיישאן איז געווארען גרויס אין מעמבערשיפּ און רייך אין געלד, איז די שוהלכעל אין דזשארדזשיא עוועניו געווארען צו קליין, האבען זיי אפּגעקויפט א טשורטש און האבען איבערגעבויט די איצטיגע גרויסע שעהנע שוהל בני ישראל אויף 14טע און עמערסאן סטריטס, וואס איז א שטאלץ און א צירונג פאר וואשינגטאנער אידען בכלל. די בעאמטע פון 1941 זיינען: פּרעזידענט, דער פיל באוואוסטער נדבן, מר. פרץ הימעלפארב; וויים-פּרעזידענט, לואיס מירמאן; טרעזשורער, מר. מאַרים שטירמאן; רעקארדינג סעקרעטער, מר. באָרענשטיין; פינאנס סעקרעטער, מר. קעי; דער איצטיגער גייסטיגער מנהיג איז הרב חיים הלוי סיגעל.

די היסטאריע פון דער סאוט-איסט שוהל

דער סאוט-איסט געגענד איז דער 4טער קווארטאל אין וועלכע די שטאט וואשינגטאן איז צוטיילט, און דער אידישער ישוב האט זיך אנגעהויבען פארשפּרייטען אויך אין דעם געגענד, און דאָ וואו אידען באזעצען זיך ווערט מזל און ברכה און דער גאנצער סאוט-איסט געגענד האט אויפגעלעבט. די אידען האבען אויסגעקליבען די אכטע סטריט וועלכע ציהט זיך ביז צו דעם נייווי יארד און האבען זי געמאכט פאר דער הויפּט-גאס וואו אלערליי געשעפטען געפינען זיך אויףביידע זייטען פון סטריט. מען קאן זיכער זאגען אז 90 פּראָצענט פון די געשעפטען זיינען אידישע. דורך אידען האט אויפגעבליהט דער גאנצער סאוט-איסט געגענד און אידען האבען אנגעהויבען מאכען א גאנץ פיינעם רוהיגען לעבען. אבער דער איד באגנוגענט זיך ניט מיט גשמיות אליין, דער איז מוז האבען רוחניות אויך, האבען זיך איניגע ארומגעזעהן אז עס פעלט זיי א שוהל. אָהן א שוהל איז זיי

געוועז דאס לעבען פוסט. צוערשט האבען זיך איינינע פאמיליעס באזעצט אין דער עלפטער סטריט סאוט-איסט און אין 1909 האט מען שוין געזען א קליין שוהלכעל וואו אידען פלעגען דאוונען בצבור. נאָר פלוצלונג האט די רעגירונג געדארפט פארגרעסערען דעם נייווי יאַרד און עס איז גראדע אויסגעקומע דארטען וואו די עטליכע אידען האבען געהאלטען זייערע געשעפטען. זיי האבען געמוזט איבער-געבען זייערע הייזער דער רעגירונג. נאָר דיינקט ניט אז די רעגירונג האט צוגענומען די הייזער מיט גוואלד, אזוי ווי עס קומט פאָר איצט אין די דיקטאטארישע לענדער. די רעגירונג האט זעהר גוט באצאלט פאר די הייזער, און עס איז געווארען אויס שוהלכעל אויך.

שפעטער האבען זיך אידען באזעצט און באפעסטיגט מיט זייערע געשעפטען אין דער אכטער סטריט סאוט-איסט און דארט זיינען זיי געבליבען וואוינען ביז היינטיגען טאג. די גאנצע לייננ פון דער 8טער סטריט איז פארנומען אויףביידע זייטען מיט גרויסע שעהנע אידישע געשעפטען, מען זעהט שוין אויך א גרוים געשעפט מיט גרויסע אידי-שע אותיות „בשר כשר" און עס איז געווארען אן אמת'ער אידישער געגענד.

ווען אידען האבען אנגעהויבען האבען פרנסה האבען זיי זיך ארומגעזעהן אז אָהן א שוהל איז דאס לעבען פוסט, האבען זיי זיך צונויפגעקומען און האבען געגרינדעט דעם סאוט-איסט קאָנגרעגיי-שאן, און האבען באלד געקויפט די שעהנע הויז אויף דער ניינטער סטריט סאוט-איסט און האבען איבערגעבויט די איצטיגע שעהנע שוהל וועלכע האט שוין גאר א סך מעמבערס (כן ירבו) און די שוהל פארנעמט איצט זעהר א בכבוד'דיגען אָרט אין דעם סאוט-איסט געגענד.

די סאוט-איסט קאָנגרעגיישאן האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1921. די ערשטע גרינדער זיינען געווען מר. דזשייקאב גריץ, מאקס סיימאן, א. טיילאר, א. שוגאר, בארנעט ראזענבלום, נייטען איידעל-סאן, ישראל ליבער און מ. מ. קאצמאן.

די איצטיגע בעאמטע פון 1941 זיינען פאָלגענדע: פרעזידענט, מר. סעם ראזענבלום; וויים-פרעזידענט, מר. אידיל טאָטשאָן; טרעזשו-רער, מר. זאץ; סעקרעטערס, מר. מאקס בערלינסקי און סעם גאלד-בערג; גבאי, מר. נחמיה זילבערט. דער גייסטיגער פיהרער פון דער שוהל איז הרב ר' חיים וויליאמאווסקי, וועלכער איז אויך דער מנהל פון דער תלמוד תורה און די שוהל ווערט געפיהרט מיט אלע אידישע ארטאדאקסישע טראדיציעס.

די היסטאריע פון דער בית אל שוהל

די בית אל שוהל איז פון די נייע שוהלען. זי איז יונג, פונדעסט־וועגען האט זי פאַרט א היסטאריע וואס איז אינטערעסאנט. די בית אל שוהל האט זיך געבויט און געפייערט דעם חנוכת הבית אין 1937 פון הרב אהרן וואלקמאן. הרב וואלקמאן, וועלכער איז געווען דער גייסטיגער פיהרער פון בני ישראל זיבען יאהר, און אונטער וועמענס פיהרערשאפט די קאנגרעגיישאן האט זיך פיל פארגרעסערט, איז גע־בליבען אין א פארצוויפעלטע לאגע ווען די בעאמטע פון דער בני ישראל שוהל האבען זיך ניט געקאנט איינינגען מיט איהם איבער איי־ניגע פונקטען צוליב די עקשנות פון דעם פרעזידענט אין יענער צייט. פאר דער צייט וואס ראביי וואלקמאן איז געווען אין בני ישראל שוהל האט ער זיך ערווארבען פילע גוטע פריינד און איז געווארען באליבט ביי א סך וואשינגטאנער אידען. עס האט זיך איהם ניט געוואלט געהן זוכען א נייע היים מיט נייע גוטע פריינד. מען קאן זאגען די ווערטער פון פרק: „איזהו חכם הרואה את הנולד". מיט זיין שארפען שכל און מיט זיין וויטען בליק האט ער געזעהן אז דער נייער געגענד פעטוואוד דארף האבען א שוהל. אין וואשינגטאן איז ניטא קיין אפגעזונדערטער אידישער געגענד ווי אין דער אלטער היים, אז א איד פלעגט פארבלאָנדזשעט ווערען אין א גוי'שען געגענד פלעגט ער קומען א צוקיילטער און א צוביילטער פון די ווילדע שקצים און פון די ווילדע הינט. אין וואשינגטאן, אין די שעהנע הייזער, מיט די גרינע בוימער, מיט שמעקענדיגע בלומען, מיט די גרינע גערטענדליך ביי די הייזער, וואוינען אלע גלייך, אידען און ניט אידען. פארקערט, עס קאנען וואוינען עטליכע אידען אין איין גאס און זיי זאלען זיך ניט קאנען, און זאלען ניט וויסען א'ינער פון דעם אנדערען, און דאס האט ראביי וואלקמאן געזעהן. מיט זיין קלוגען געדאנק האט ער פאר־שטאנען אז דער געגענד דארף האבען א שוהל. דער געדאנק האט געהאט אן עיקר מיט א טפל. דער עיקר איז געווען אז דער נייער געגענד דארף האבען א שוהל כדי די אידישע איינוואוינער זאלען האבען א שוהל, און דער טפל וועט זיין אז ראביי וואלקמאן וועט קאנען בלייבען לעבען זיינע גוטע פריינד און וועט ניט דארפען געהן זוכען א נייע היים מיט נייע גוטע פריינד. און כך הוה, ראביי וואלק־מאַן מיט דער הילף פון זיינע גוטע פריינד, דערהויפט דער בילדער מר. הערי פארעצקי, האט אויסגעבויט די שעהנע שוהל בית איל אין 702 דזשעפערסאן סטריט נ. וו. און עס זיינען דאָ קיין עין הרע אידען וואס קומען דאווגען און העלפען אויסהאלטען די שוהל. ראביי וואלקמאן איז אליין דער רב, אליין דער חזן, אליין דער בעל קורא. ער איז באמת דער ארטאדאקסישער גייסטיגער פיהרער פון דער

שוהל. ער איז איצט זיכער אז דער פרעזידענט וועט זיך ניט פאר־עקשנ'ען און איהם הייסען גערן זוכען א נייע היים, און א חוץ דעם וועט דאס פארבלייבען אן אייביגער גייסטיגער מאָנומענט אלס ראביי וואלקמאנ'ס שוהל.

די ערשטע גרויסע נדבה האט געגעבען צו דער שוהל ר' יעקב ראובן זבולון סעלים ע"ה, וועלכער איז נפטר געווארען יום ה' ג' סיון, שנת תרצ"ח. ער האט אריינגעגעבען די ערשטע ספר תורה וואס איז געבליבען א זכר עולם.

הרב ר' אהרן וואלקמאן איז געבארען געווארען אין נייסאנדזש, גאליצע, פון א משפחה רבנים און לומדים. זיין פאטער, ר' בעריש וואלקמאן, זייענדיג איינער פון סאנדזשער בית־דין, האט געזעהן דאס זיין זוהן אהרן זאל אויפגעצוי־צויגען ווערען בדרכי הרבנות, האט ער איהם געשיקט לערנען אין די אונגארישע ישיבות וואו ער האט זיך פארפאָלקאָמט אין לערנען ביז ער האט געקראגען סמיכה פון גרויסע אונגארישע רבנים. נאכדעם האט הרב ר' אהרן וואלקמאן חתונה געהאט מיט א טאכטער פון ר' קלמן רייכמאן, איינער פון די שעהנס־טע נכבדים אין שטאט. נאך דער חתונה איז ער מיט זיין ליבער פרוי געפארען קיין אמעריקא, וואו זיי זיינען אָנגעקומען אין יאהר 1908. באלד נאך זיין קו־מען קיין אמעריקא האט ער גע־קראגען דעם כסא הרבנות אין איינע פון גרעסטע שוהלען אין ברוקלין, נ. י. די היברו עדיוו־קיישאנאל אליינס.

הרב אהרן וואָלקמאן

אין 1925 איז ער געקומען קיין וואשינגטאן אלס רב אין דער בני ישראל שוהל, און אין דער לעצטער צייט איז ער דער גייסטיגער פיהרער פון זיין אייגענער בית אל שוהל, וועלכע טראגט אויך דעם נאמען, ראביי וואלקמאנ'ס שוהל.

די היסטאריע פון דער אגודת אחים שוהל

די אגודת אחים קאָנגרעגיישאן איז די אינגסטע אין וואשינגטאן. מען קאן נאך ניט שרייבען קיין היסטאריע ווייל די קאָנגרעגיישאן איז נאך זעהר יונג, אבער מען קאן פון די שוהל לערנען די היסטאריע פון דעם וואשינגטאנער אידישען לעבען. מיט 40 יאהר צוריק איז וואשינגטאן נאך געווען א קליינע שטאט. פון דער סאוט-וועסט זייט איז דער פאטאמאק טייך און צו דער נארד-וועסט זייט האט זיך געצויגען נאר וואלד און וואלד. האבען זיך הייזער-בויער גענעבען אן עצה. מען האט געהאקט וואלד, געטריקענט זומפען און געמאכט גאנצע גאסען. די איינוואוינער האבען זיך גענומען פארשפרייטען אלץ ווייטער און ווייטער, און אונזערע אחינו בני ישראל זיינען אויך ניט געבליבען הינטערשטעליג, זיי האבען זיך אויך פארשפרייט אלץ העכער אפטאון ביז דעם געגענד ברייטוואוד וועלכער גרעניצט זיך שוין מיט מערילענד. אידישע פאמיליעס האבען אויך געוואלט וואוינען אין הייזער מיט גרינע גערטענדלעך ארום די הייזער, מיט שעהנע גרויסע גרין-באוואקסענע בוימער וואו די לופט איז גוט און געזונד, באזונדערס פאר קליינע קינדער. די גאנצע צייט האט מען ניט געוואוסט וויפיל אידען עס וואוינען אין ברייטוואוד. מען האט זיך קיין מאל ניט געזעהן א ינער מיט דעם צווייטען, ביז די ימים נוראים פון יאהר ת״ש, ווען דער שוחט רעוו. פאפיר מיט דעם חזן שאפירא, וועלכער איז זעהר באוואוסט אין וואשינגטאן, האבען גענומען א האל צו דאווענען און זעהן וויפיל אידען עס געפינען זיך אין ברייטוואוד. דער רעזולטאט איז געווען אז די האל איז געווען איבערגעפאקט מיט אידען קיין ע״ה, אלטע און יונגע. דורך די דריי טעג האבען זיך אלע ארומגעזעהן וויפיל אידען עס וואוינען אין ברייטוואוד און מען איז געווארען באפריינדעט אזוי ווי איין משפחה. עס איז געבליבען אז מען זאל גרינדען א קאָנגרעגיישאן מיט אן אייגענע שוהל צוליב צוויי טעמים: ערשטענס אז מען זאל קאנען דאווענען א גאנץ יאהר אויך, ניט בלויז ראש השנה און יום כפור; און צווייטענס, ביי דער היינטיגער צייט, וואס מיר אידען לעבען דורך דארפען מיר זיין אינאיינעם, אז מען זאל זיך קאנען אפרופען אויף דעם וועה-געשריי פון אונזערע אומגליקליכע ברידער אויף יענער זייט ים. געזאגט און געטאן

טאקע דעם יום כפור נאכט, פון דעם יאהר ת״ש האבען זיך צונויפגענומען איניגע יונגע לייט און האבען געגרינדעט די קאָנגרעגיישאן אגודת אחים. עס האבען זיך געפונען איניגע פון די מעמבערס וועלכע האבען געגעבען די ערשטע הונדערטער און מען האט געקויפט א הויז אין ברייטוואוד, 909 קוויקענבאך סטריט, און איבערגעבויט עס אויף א שוהל. דער ערשטער גייסטיגער פיהרער איז געווען רעוו. שוחט ר׳ יואל יהודא פאפיר און באלד אין גיכען האבען זיי

אויפגענומען אלס רב הרב ר׳ חיים יונה וואלדמאן, וועלכער איז דער גייסטיגער פיהרער פון דער אגודת אחים קאָנגרעגיישאן און אויך פאר בריטעוואודער אידען בכלל.

א גרויסען יישר כח קומט דעם פרעזידענט, מר. יעקב ריווקין, אליין אן אמעריקאנער פראָדוקט. ער איז דערצויגען געווארען אין א העכסט פרומע פאמיליע אין נויארק; ער האט אין זיך איינגעזאַפּט דאס אמת׳ע אידישע לעבען, דערפאר האט ער זיך אפּגעגעבען מיט זיין גאנצען לעבען אז די בריטעוואודער אידען זאלען האבען א שוהל. וויים-פּרעזידענט איז מר. ראָבען, צווייטער וויים-פּרעזידענט איז מר. וויינבערג. טרעזשורער איז מר. איזראעל בוירז און סעקרעטער איז מר. קאפלאן; גבאי ראשון, מר. מרדכי ספּעקטאר; גבאי שני, מר. מארים פאקס.

וועגען גבאי ראשון, מרדכי ספּעקטאר, איז כדאי זיך אביסעל אפּצושטעלען. ער האט זעהר פיל אויפגעטאן פאר דעם אידישען גע-זעלשאפטליכען לעבען צייט זיין קומען קיין אמעריקא.

ווען מען לייענט וועגען דער שעהנער אידישער שטעטעל וואוד-ביין, נ. דזש., קאן מען זאגען אז מרדכי ספּעקטאר האט גאר א גרויסען חלק אין דעם. ער איז געוועזען איינער פון די ערשטע סעטלערס אין וואודביין; ער איז אויך געוועזען פון די ערשטע שאַפער און בויער פון דעם אידישען לעבען אין וואוד-ביין. צוריק מיט 55 יאהר צוריק, אין 1887, איז דער אלטער ספּעקטאר מיט זיין גאנצער פא-מיליע געקומען קיין אמעריקא און זיי האבען זיך אפּגעשטעלט אין נויארק. צו יענער צייט איז געוועזען אין נויארק אן אפיס פון באראן הירש ע״ה. די אימיג-ראנטען וואס האבען זיך גע-וואלט נעהמען צו ערד ארבייט און ווערען פארמערס האט מען זיי פון באראן הירש׳ס אפיס גע-האלפען. גראדע האט זיך דא-מאלסט געבויט די קאָלאָניע וואודביין. דער יונגער מרדכי ספּעקטאר האט זיך ארייינגע-ווארפען מיט זיין גאנצען יונגען לעבען אין דער גוטער אבער



מרדכי ספּעקטאר

שווערער ארבייט. ער האט מיט זיינע הוילע הענט געגראבען ערד, געהאקט שטיינער, געשניטען בוימער, געמאכט גאסען און גע־בויט הייזער. ער האט מיט אלעמען געארבייט זעהר שווער ביז זיי האבען דערלעבט צו זעהן אין וואודביין הייזער וואס מען האט שוין געקאנט אין זיי וואוינען ווי מענשען. אין 1899 האט ער חתונה גע־האט מיט זיין ליבע פרוי טעמע טעפער, א טאכטער אויך פון די ערש־טע פיאָנערען פון דער פאמיליע טעפער. דער אלטער טעפער ע"ה איז געווען דער ערשטער גייסטיגער פיהרער פון וואודביין, ער האט אויך געהאלפען בויען די שוהל און ער האט געקויפט דעם בית עלמין. ער איז געווען פילע יאהרען גבאי פון דער שוהל און אויך פון דער חברה קדישא. שפעטער מיט עטליכע יאהר, ווען עס זיינען צוגעקומען קינדערלעך און ער האט זיי געוואלט געבען א ריכטיגע אידישע ער־ציהונג, האט זיך מר. ספעקטאר באזעצט אין פילאדעלפיא, ווייל אין וואודביין האט מען נאך אין יענער צייט דאס ניט געקאנט אויספירען. אין פילאדעלפיא האט מר. ספעקטאר אויך ניט געלעבט פאר זיך אליין. ער האט גענומען אן אינטערעס אין פילאדעלפיער אידישען לעבען. צוליב געזונט אורזאכען האט ער אין 1930 זיך באזעצט אין וואשינג־טאן, ברייטוואודער געגענד.

מרדכי ספעקטאר איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדערס פון דער אגודת אחים שוהל, ער העלפט דער קאָנגרעגיישאן זעהר פיל, סיי מיט געלד, סיי מיט פיזישער ארבייט. ער איז גבאי ראשון פון דער שוהל, ער האט אבער געטאן אלצדינג אין שוהל ביז מען האט שוין געקאנט האלטען א שמש וועלכער זאל קאנען מאכען א לעבען. ער האט נאך אנדערע שעהנע אמת־אידישע מידות. גאט האט איהם געבענשט, ער איז א בעל־מטופל מיט פיינע טויזענטער אויף דער על־טער און ער איז אן אמת'ער מתן־בסתר'דיגער איד. ער גיט אפט א גאנץ שעהנע נדבה, ער גיט אויך אפט א גמילות חסד יענעם בסתר. ער וויל ניט אז מען זאל וויסען. ער פארנעמט זעהר א שעהן אָרט צווישען די ברייטוואודער אידען.

די ליידיעס אוקזילערי

עס איז איטליכען באוואוסט אז אין דער אלטער היים אין יוראפּ האט יעדער שוהל געהאט א ווייבערשע שוהל, אן עזרת נשים, וואו פרויען פלעגען נאָר געהן דאוונען, ווייטער האבען זיי זיך ניט געמישט מיט דער שוהל. זיי זיינען געווען אפגעשיידט פון די מענער מיט אלעם. אבער דאָ אין אמעריקא איז עס גאנץ אנדערש. דאָ העלפען די פרויען טראגען דעם גאנצען עול אין אלע הצטרכות פון דער שוהל.

זיי העלפען צאהלען דעם רב די שכירות, דעם לערער די שכר למוד און אלצדינג וואס א שוהל דארף האבען העלפען זיי ארוים. דערפאר האבען זיי פארדינט דערמאָנט צו ווערען איבעראל.

אגודת-הקהלות

די אגודת הקהלות אין וואשינגטאן האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1907. דער ערשטער פרעזידענט איז געווען מר. אפענהיימער ע"ה;

ירמיהו ווייטץ

דער ערשטער וויים-פרעזידענט איז געווען דער פיל באוואוסטער עסקן מר. משה גארפינקעל זאל לעבען. די אגודת הקהלות איז דער איינציגער גרויסער כלל פון אידישען ארטאדאקסטישען לעבען.

ארטאדאקסיע איז ליידער געגוג אפגעשוואכט דאָ אין לאנד אין פארגלייך מיט דער בליהונג פון אמאל אויף דעם רעליגיעזען גייסטיגען געביט; איז די אויפגאבע פון דער אגודת הקהלות אכטונג צו געבען אויף אלץ וואס באלאנגט צו ארטאדאקסישען אידישען לעבען סײַ אויף דעם רבים, סײַ אויף דעם יחיד—אלץ וואס קער זיך אָן מיט דעם ארטאדאקסישען לעבען. די אגודת הקהלות, זינט איהר גרינדונג אין יאהר 1907, האט געלאזט פיהלען איהר גרויסע ווירקונג אויף אלע געביטען פון איהר הייליגער ארבייט אין וואשינגטאן. זי האט אכטונג געגעבען אז אלע וועלכע האנדלען מיט כשר'ע פראדוקטען זאל זיין באמת כשר. די אגודת הקהלות איז די אויפזעהערין איבער אלע ארטאדאקסישע שוהלען אז אלעס זאל צוגעהן רעליגיעז מיט אלע ארטאדאקסישע טראדיציעס ווי עס פיהרט זיך אלעמאל ביי אידען. איהר אויפגאבע איז אויך אכטונג צו געבען אויף דעם חנוך הילדים וואס איז דער פונדאמענט פון דעם אידישען קיום. די אגודת הקהלות איז צונויפגעשטעלט פון אלע פרעזידענטען פון די שוהלען, אדער פון צוויי מעמבערס וואס ווערען אויסגעקליבען פון יעדער שוהל.

הרב ר' יהושע קלעוואן, פון דער תלמוד תורה שוהל, און הרב ר' יעקב עוזר דובראָוו, פון קשר ישראל שוהל זיינען די שטענדיגע עצה-געבער פון דער אגודת הקהלות.

די בעאמטע פון יאהר 1941, ווען דער בוך ווערט געשריבען, זיינען פאָלגענדע: פרעזידענט, מר. ירמיהו ווייטץ; וויים-פרעזידענט, מר. דוד טאקסען; טרעזשורער, מר. סעמיועל ראָד; טראסטיעס, מר. משה גארפינקעל, מר. א. עדלאוויטש, מר. דזשיי. ווייסבלאט, מר. יעקב בעס, מר. הערי חידעקעל, מר. סאול פעלדמאן, מר. מאקסוועל אסטראוו און מר. עלישא שטירמאן.

דער משגיח איבער אלעס, אז אלץ זאל צוגעהן באמת כשר נאך דעם וואונש פון די רבנים, איז מר. בעילין.

די אמונה סאסייעטי

די אמונה סאסייעטי האט זיך געגרינדעט אלס א צווייג פון דער אגודת הקהלות. זי איז געגרינדעט געווארען פון דעם פרעזידענט פון דער אגודת הקהלות, מר. ירמיהו ווייטץ, מיט דעם הויפט צוועק צו פארשטארקען און אונטערשטיצען די רעליגיעזע ארבייט פון דער

אגודת הקהלות, וועלכע נויטיגט זיך אין ארגאניזירטע כחות אַנצו־האלטען די יסודות פון אונזער הייליגער תורה.

די אמונה סאסייעטי איז אינקאָרפּאָרירט אונטער דעם טשארטער פון דער אגודת הקהלות, וועלכע רעפּרעזענטירט אלע שוהלען פון וואשינגטאן. די אויפגאבען פון דער סאסייעטי איז צו אגיטירען און האלטען דרשות אין אלע שוהלען וועגען שמירת שבת, כשרות, חנוך הילדים און טהרת המשפחה. דער פּרעזידענט פון דער סאסייעטי איז מר. ירמיהו ווייטץ; וויים־פּרעזידענט, הרב משה חיים לעווינסאן.

די טהרת המשפחה סאסייעטי בית־הטבילה

ענדליך איז מקוים געווארען דאס וואס די רבנים האבען געזאגט ביי דעם הספד פון דעם גרויסען נפטר, הרב ר' משה אהרן הורוויץ זצ"ל, וועלכער האט זיין גאנצען לעבען אוועקגעגעבען פאר טהרת משפחה. די רבנים האבען צוגעזאגט אז זיי וועלען ענדיגען דעם הייליגען פּראָיעקט וואס דער נפטר האט פארלאנגט, אז וואשינגטאנער אידען דארפען האבען א בית־הטבילה (מקוה) און אין א זונטאג, דעם 15טען סעפּטעמבער, 1940, האט זיך די בית־הטבילה געעפענט אין איינעם פון די שעהנסטע געגענדען אין וואשינגטאן, און די אנערקענונג פון דער אונערמידליכער הייליגער ארבייט קומט צום העכסטען די רבנים און אויך צום פּרעזידענט פון דער אגודת הקהלות, מר. ירמיהו ווייטץ, דער באוואוסטער עסקן, און אויך צום באוואוסטען נדבן אין וואשינגטאן, ר' פרץ הימעלפארב, וועלכער האט געגעבען די ערשטע נדבה טויזענד דאלאר ($1000); מר. און מרס. ירמיהו ווייטץ, פיר הענדערט דאלאר ($400); מר. און מרס. עראן סעלים, צוויי הונדערט מיט פופציג דאלאר ($250); מרס. ראסקין, הונדערט מיט פופציג דאלאר ($150);

בית הטבילה

די ברידער פּאָטעראָווסקי, צוויי הונדערט פינף און צוואַנציג דאָלאַר ($225); מר. און מרס. עלישע שטירמאַן, הונדערט מיט פופציג דאָלאַר ($150); מר. און מרס. דזשיי. הינקעל, צוויי הונדערט דאָלאַר ($200); די ליידיס אָקזילערי פון דער סלאַבאָדקער ישיבה, הונדערט דאָלאַר ($100); און נאָך פילע האָבען מנדב געווען.

די בשר כשר אַסאָסיאיישאָן

משה פליישמאַן

היימאַן קאָהען

די בשר כשר אַסאָסיאיישאָן האָט זעהר א וויכטיגע היסטאָריע הינטער זיך, ווייל זי איז א טייל פון דעם אידישען לעבען, און די אַסאָסיאיישאָן איז געוואַקסען צוגלייך מיט דעם אידישען ישוב אין וואַשינגטאָן.

אין 1901, ווען דער אידישער ישוב איז נאָך געווען גאָר קליין, איז אין יענער צייט דער האַנדעל מיט כשר'ע פלייש אויך געווען זעהר קליין. אין גאַנצען איז אין יענער צייט געווען דריי מיט א האַלב בוטשערס. צוויי כשר בוטשערס זיינען געווען אין זיבעטער סטריט, נ. וו., וואָס האָט זיך דאַמאָלסט גערעכענט אלס דער אידישע געגענד,

און איינער איז געווען אין סאוט-וועסט געגענד, וואו איינינגע אריבער־געקומענע האבען געמאכט זייער היים, און א האלבע כשר בוטשער סטאר איז געווען אין סענטער מארקעט. איינער א מר. סענדער האט אויף איין טיש געהאלטען כשר'ע פלייש און טריפה פלייש. ווען א פרוי פלעגט ווען כשר'ע פלייש האט ער איהר געגעבען פון דער כשר'ער זייט טיש . . . קיין משגיחים זיינען נאך דאן ניט געווען, פלעגט איהם די פרוי דארפען גלויבען אויף זיין ווארט. קיין רבנים זיינען דאן נאך ניט געווען, די גייסטיגע פיהרער זיינען געווען רעוו. יאָעלסאָן און רעוו. גאלדמאן. שפעטער מיט עטליכע יאהר, אז דער אידישער ישוב האט אָנגעהויבען פארגרעסערט צוו ווערען, האט זיך דער האנדעל מיט כשר'ע פלייש אויך פארגרעסערט און עס זיינען געווארען אלץ מעהר און מעהר כשר פלייש געשעפטען. דאן זיינען שוין געווען אין וואשינגטאן צוויי רבנים, הרב ר' גדליהו סילווערסטאן און הרב ר' משה אהרן הורוויץ זצ"ל. אפילו דאס קויפען די כשר'ע פלייש איז אויך געווען אנדערש. עס איז דענסטמאל געווען איין גרויסע גוי'שע פירמע פון פלייש און די אלע כשר'ע בוטשערס האבען געמוזט קויפען ביי איהם די כשר'ע פלייש און וואס ער האט געוואלט האט ער געטאן מיט זיי. די אידישע בוטשערס האבען געמוזט ליידען סיי מאראליש, סיי פינאנציעל, ווארום וואס פאר א מקח ער האט זיך געהייסען געבען האבען זיי געמוזט צאהלען. טאמער האט זיך א בוטשער איינגעשטעלט און האט געבראכט פון באלטימאר פלייש האבען דאס די רבנים גע'אסר'ט. זיי האבען דאס גערופען בשר-חוץ. זיי האבען ניט געוואלט אנערקענען די חתימה פון פרעמדע רבנים, און די בוטשערס האבען געמוזט ליידען. זיי פלעגען אויך דארפען ליידען צייטענווייז פון די גוי'שע ארבייטער וואס פלעגען זיך ווארפען מיט די אידישע ערשט-אריבערגעקומענע, טאמער איז איינער זיי ניט געפעלען געווארען פלעגט מען איהם גארניט וועלען פארקויפען קיין פלייש. ביז זיי האבען שוין ניט געקאנט מעהר אריבערטראגען פון דעם גוי, האבען זיך אלע בשר כשר בוטשערס פאראייניגט און גע־גרינדעט אן אסאסיאיישאן. זיי האבען זיך אליין ניט געריכט אז עס זאל אויסוואקסען אזא גרויסע אסאסיאיישאן. זייער געדאנק איז נאר געווען אז זיי זאלען זיך קאנען העלפען און ניט דארפען אזויפיל ליידען פון דער פירמע—אז ליידען זאלען ליידען אלע גלייך—אז די פירמע זאל זיך דארפען רעכענען מיט אלעמען גלייך, ניט ווייל איינער געפעלט איהר ניט. אין דער צייט וואס דער בוך ווערט געשריבען, אין 1941, איז די אסאסיאיישאן אויסגעוואקסען אין א גרויסע און שעהנע ארגאניזאציע. זי טוט זעהר גוטע ארבייט; זי זעהט אז וואַ־שינגטאנער אידען זאלען האבען פאר זייער געלט אמת כשר'ע פרישע פלייש, און א חוץ דעם העלפען זיי זיך ארום איינער דעם צווייטען

מיט ראט און טהאט, אזוי ווי א גרויסע אייגענע משפחה.

די באאמטע פון דער ארגאניזאציע, אייניגע פון וועלכע זיינען געווען פון די ערשטע גרינדערס, זיינען פאָלגענדע: פרעזידענט, מר. משה פליישמאן; וויס־פרעזידענט, מר. היימאן קאהען; צווייטער וויס־פרעזידענט, מר. א. טאמפסאן; טרעזשורער, מר. א. פאזנער; און סעקרעטער, מר. הערי העפט.

משה פליישמאן איז זעהר טעטיג אין געזעלשאפטליכען לעבען. ער באלאנגט צו פילע אידישע ארגאניזאציעס און אומעטום נעמט ער א טיכטיגען אינטערעס און איז זעהר אקטיוו. אין אלע ארגאניזאציעס פארנעמט ער גרויסע אמטען, ער איז פרעזידענט פון דער בשר כשר אסאסיאיישאן, ער איז פרעזידענט פון דער תלמוד תורה שוהל און איז סעקרעטער פון דעם גמילות חסד פון דער שוהל שוין פילע יאהרען. ער איז עקס־פרעזידענט פון דעם גרעסטען לאדזש אין וואשינגטאן, די דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאדזש און איז אויך סעקרעטער פון דעם גמילות חסד פון לאדזש. ער באלאנגט אויך שוין פילע יאהרען צום ארבייטער רינג ברענטש 92, וואו ער איז אן אקטיווער מעמבער. ער איז אויך א מעמבער אין פילע וואשינגטאנער אידישע טשאריטי אינסטיטוציעס.

בית מושב זקנים

דער וואשינגטאנער בית מושב זקנים האט גאר אן אינטערע־סאנטע און פיל־פארביגע געשיכטע הינטער זיך. דער גרינדער פון יענער צייט איז געווען איינער פון די סיפאטישסטע מענשען מיט א באזונדערע פארשטענדניש פאר וואשינגטאן. זיין נאמען איז בערנארד דאנזאנסקי. ער איז גוט באוואוסט מיט זיין צדקה ארבייט צו די וואשינגטאנער אידען. עס געפינען זיך נאך היינט צו טאג אייני־גע וואס האבען א גרויסען חלק אין דער גרינדונג פון דעם מושב זקנים, דאס זיינען מר. מילטאן לייענסאן, משה גארפינקעל, ראובן ראזענבערג און הערי קאהען.

זיי קאנען דערצעהלען ווי אזוי דער מושב זקנים איז געגרינדעט געווארען, דאס ערשטע אין 415 „עם“ סטריט, דאנטאון, וואס האט דעמאלט געהייסען דער אידישער געגענד. די גרינדערס זיינען ארומ־געגאנגען קלאפען אין די טירען פון אלע מיטינגען פון פעראיינען, פון לאדזשען און פון די שוהלען און אויך פון אייניגע יחידים. זיי האבען געמאָנט, זיי האבען געבעטען, זיי האבען געפאָדערט פון די אידען אין וואשינגטאן פאר דעם מושב זקנים, און די זעלבע מאָהנערס פלע־גען קומען אלע טאג אין מושב זקנים און אכטונג געבען אז די אלטע

ליים זאל גארנישט נים פעהלען. זיי פלעגען מיט גרוים פרייד זעהן ווי עם קומען צו איינוואוינער אין מושב זקנים, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט פון דעם ערשטען טאג פון זיין עקזיסטענץ מיט דעם טראדיציאנעלען פאָלקס-גייסט וואס האט דארטען געהערשט, און וואס ווערט גליקליכערווייזע אזוי אָנגעהאלטען ביז היינט, אויך די ווארימע הארציגע באציהונג פון דעם גוטען סופעראינטענדענט, מר. משה מייזער, צו די זקנים און זקנות פון דעם מושב זקנים.

צו יענער צייט האבען זיך אָנגעשלאסען נאך פילע באוואוסטע כלל-טוער פון וואשינגטאן. איינע פון די כלל-טוער וועלכע נעהמט נאך א גרויסען אינטערעס אין דעם מושב זקנים איז די בארימטע און באליבטע מרס. טשארלס גאלדסמיט. פאר איהר גוטסקייט און איבערגעבענהייט צו נויטבאדירפטיגע, רופט מען זי „טאנטע מינע“— סיי אידען, סיי ניט אידען—זי איז דער אמת'ער ליבלינג פון די ארימע פאָלקס-מענשען.


משה מייזער

אין 1924 האט מען אָנגעהויבען פיהלען אז דער מושב זקנים איז א נויטיגער אינסטיטושאן פאר וואשינגטאנער אידען. פילע אלטע לייט האבען שוין באדארפט ווארטען אויף זייער נעקסט צו ווערען אריינגענומען, ווארום דער מושב זקנים איז שוין געווארען צו קליין. האט זיך מרס. גאלדסמיט אונטערנומען די שווערע ארבייט צו זיין די טשערליידי פון א קאמיטע צו בויען א נייע גרויסע היים. דער דרייוו איז געעפענט געווארען מיט א מאססמיטינג אין וואשינגטאנער היברו קאָנגרעגיישאן און אין 88 מינוט איז געשאפען געווארען 88 טויזענד דאלאר, מיט דער הילפע פון איהר קאָטשערמאן, מר. הערי שערבי. און ווען דער ווינקעלשטיין איז געלייגט געווארען פון דער נייער היים, אין אקטאבער, 1924, אין דעם נייעם געגענד, 1125 ספרינג ראוד, איז דאס געווען איינע פון די שעהנסטע געשעהענישען אין וואשינגטאנער אידישען לעבען.

מען האט נאך געדארפט האבען הונדערט טויזענד דאלאר צו פארענדיגען דעם בנין, איז א קול-קורא ארויסגעלאזט געווארען צו די וואשינגטאנער אידען און זיי האבען זיך גאנץ גוט אפגערופען. א דאנק זייער גוטהארציגקייט און איבערגעבענהייט, איז די סומע גע־שאפען געווארען און דער שעהנער מושב זקנים איז פארענדיגט גע־ווארען. דער 29טען דעצעמבער, 1925, איז געפייערט געווארען דער חנוכת הבית מיט גרויס צערעמאניע. עס האבען זיך באטייליגט אין דער גרויסער שמחה אייניגע סענאטארס און קאנגרעסמען און אויך פון לאקאלע אפישעלס. דער הויפט בעל-שמחה איז געווען דער גרינדער פון דעם נאָבעלען אנשטאלט, מר. בערנארד דאנזאנסקי. זיין פרייד איז גארניט געווען אפצושאצען. דער באוואוסטער לאָיער פרענק האט געגעבען טויזענט דאלאר פאר דעם שליסעל צו עפענען די נייע היים.

מר. הערי שערבי איז איינשטימיג ערוועהלט געווארען אלס דער ערשטער פרעזידענט פון דעם שעהנעם בית מושב זקנים; דר. הערי לואיס, אלס ערשטער וויים-פרעזידענט און אויך טשערמאן פון דעם מעדיקאל סטעף. אין דעם סטעף זיינען איינגעשלאסען די בעסטע דאקטוירים פון וואשינגטאן.

די איצטיגע אפיסערס פון דעם מושב זקנים זיינען די פאָלגענדע: פרעזידענט, מר. טשארלס גאלדסמיט; ערשטער וויים-פרעזידענט, דר. הערי לואיס; צווייטער וויים-פרעזידענט, מר. מארים סטיין; דריטער וויים-פרעזידענט, דער באוואוסטער עסקן מר. מארים גארפינקעל; רעקאָרדינג סעקרעטער, מר. סיימאן הירשמאן; פינאנס סעקרעטער, מר. נארמאן פישער; טרעזשורער, סידני האאס; טראסטים, מר. בער־נארד דאנזאנסקי און מר. היימאן גאלדמאן. מרס. וויליאם ליוויי איז הויז-טשערמאן.

באלד ווי דער נייער מושב זקנים האט זיך געעפענט האט מען אָנגענומען מר. און מרס. משה מייזער פון ראטשעסטער, אלס סופער־אינטענדענט. ער איז זעהר באליבט ביי די זקנים און זקנות. ער איז צו זיי ווי א יונגער טאטע מיט אלטע קינדער. ער ווערט אויך זעהר געשעצט פון די אפיסערס און אויך פון דער עקזעקוטיוו בארד פאר זיין איבערגעבענהייט צו דעם מושב זקנים.

מר. משה מייזער האט געגרינדעט א חברה ש"ס און א חברה משניות. עס ווערט געלערענט אלע טאג א בלאט גמרא מיט הרב ר' יעקב עוזר דובראוו, דער רב פון קשר ישראל שוהל, און אלע שבת לערענט מען עין יעקב מיט דעם באוואוסטען למדן ר' יקותיאל קערען.

אויך האט דער סופעראינטענדענט, מר. מייזער, איינגעפיהרט א

זעהר שעהנע ביבליאטעק מיט אלערליי אידישע און ענגלישע ביכער, און עס קומען אַן עטליכע אידישע צייטונגען יעדען טאג, און די יעניגע זקנים וואס ווילען פארברייננגען זייער צייט אין לייענען קאנען דאס האבען. עס זיינען אויך איינגעפיהרט געווארען אנדערע איינריכ־טונגען, אלץ פאר די אלטע לייט אז זי׳ זאלען קאנען פארברייננגען זייער צייט אויך גייסטיג.

בית הכנסת דמושב זקנים

דאס איז די איינציגע שוהל אין וואשינגטאן וואס פיהרט זיך ווי אין דער אלטער היים. ניטא קיין מעמבערס, מען צאהלט ניט קיין דיוס, ניטא קיין פרעזידענט. מען קאן עס אָנרופען א פרייע רעפובליק. זי ווערט נאָר געפיהרט פון צוויי גבאים, מר. משה גארפינקעל און מר. בערנארד דאנזאנסקי.

די שוהל פיהרט זיך העכסט אָרטאדאקסיש. די גייסטיגע פיהרער זיינען דער סופעראינטענדענט פון דער האָום, מר. משה מייזער, און דער יעהרליכער בעל תפלה מר. יקותיאל קערען, און אויך דער באוואוסטער רב, הרב דר. יהודה לייב לאעב. זעהר פיל צדקה געהט ארויס פון דער מושב זקנים שוהל. עס איז ניטאָ איין שבת אז ס׳זאל ניט זיין א גאַסט אין שוהל, א דורכרייזענדער רב, א משולח פון א ישיבה, און דער סופעראינטענדענט, מר. משה מייזער מאכט שוין דעם אפיעל און יעדער איד גיט וויפיל ער קאן, און זונטאג פאהרט שוין דער גאסט ניט אוועק מיט ליי־דיגען. עס איז ניטאָ קיין איין וואָכעדיגע מנחה א גאנצע וואך אז עס זאל ניט זיין איין אורח פשוט נאך א נדבה. מר. מייזער געהט ארום פון איין זייט שוהל און הרב דובראָוו פון דער צוויי־טער זייט און דער אורח ווערט געהאָלפען.

יקותיאל קערין

מען קאן זאגען באמת אז די שוהל שטעהט אויף תשובה, תפלה און צדקה. תשובה—די זקנים וזקנות האבען צייט צו זיצען אין שוהל א גאנצען טאג און אפגעבען זיך חשבון הנפש וואס זיי האבען אויפגע-טאן אין זייער לעבען אין די יונגע יאהרען, אפשר האבען זיי מיט עפעס געזינדיגט, האבען זיי צייט איצט תשובה צו טאן.

תפלה—איינינע פון די זקנים וזקנות זיצען גאנצע טעג אין שוהל און זאגען תהלים, קוקען אריין אין א ספר, לערנען די פרשה חומש פון דער וואך און דאווענען דריי מאל א טאג.

צדקה—געהט ארוים פון דער שוהל מעהר ווי פון אלע שוהלען אין וואשינגטאן. און א חוץ די אלע דריי זאכען איז דאָ תורה אויך. הרב ר' יעקב עוזר דובראָוו לערענט אלע טאג מיט זקנים דעם בלאט גמרא. ר' יקותיאל קערען לערענט מיט זיי עין יעקב אלע שבת און ראביי דר. ר' יהודה לייב לאוב לערענט מיט זיי חומש אלע שבת. דאס אלעס איז אונטער דער השגחה פון דעם סופעראינטענדענט, מר. משה מייזער. דער סופעראינטענדענט, מר. משה מייזער, כאָטש ער איז אזוי ווי א געבארענער אמעריקאנער יונגערמאן, איז ער איינער פון די געצעהלטע שומרי שבת. ער איז טאקע דער עמוד האש פון אר-טאדאקסי, ער קעמפט מוטיג געגען יעדען פארזוך אריינצובריינגען רעפארם אין אירגענד וועלכע ארטאדאקסישע קהלה. ווען עס קומט עפעס א דעלעגאציע פון רבנים, ווענדען זיי זיך נאָר צו מר. משה מייזער, און ניט נאָר גיט ער אליין מיט דער ברייטער האנט, נאָר ער מאכט אויך אנדערע צו געבען. ער נעמט טאקע די רבנים אין זיין מאשין און פארט ארום מיט זיי און איז מזכה את הרבים. א חוץ דעם נעמט מר. משה מייזער א שטארקען אינטערעס אין אלע אידישע צדקה אנשטאלטען.

מרס. וויליאם ליוואַי, די הויז-טשערליידי, איז זעהר אקטיוו אין בית מושב זקנים פאר די לעצטע 25 יאהר. זי איז געווען פרעזידענט פון דער ליידיס אוקזילערי זעקס יאהר, אויך וויס-פרעזידענט פון דעם מושב זקנים פאר 4 יאהר, און הויז-טשערליידי איז זי שוין זעכצען יאהר. זי טוט וואונדערבארע ארבייט פאר דעם מושב זקנים. זי האט אויך איינגעפיהרט יעדען מאנאט א געבורטסטאג פון די אלטע לייט און גיט זיי מתנות, און מען מאכט פאר זיי זעהר שעהנע אבענדען.

אין דעם נעמט אויך אן אינטערעס די פרעזידענטין פון דער לייי-דים אוקזילערי, מרס. דייוויס. די סעקרעטער פון דעם מושב זקנים, וואס פיהרט די רעכענונגען פון דעם יאהר, די גאנצע איננאמע מיט אויסגאבען, איז מרס. עני זיגמונד-דיק.

מר. מאקס גאָרין

עס ווילט זיך דערצעהלען וועגען נאך א קאפיטעל פון דעם מושב זקנים און אויך וועגען נאך א פערזאן וואס האט א סך מיטגעהאלפען צום ערפאלג, און אויך א סך מיטגעהאלפען אז די זקנים און זקנות זאל גאר ניט פעהלען, אויך אין גייסטיגען זין.

מאקס גאָרין

דער מושב זקנים איז געגאנגען דעם גאנג פון דאנטאון מיט אלעמען צוגלייך. האבען זיך די אידען פארנומען געהן אין שענערע געגענטען איז דער מושב זקנים אויך נאכגעגאנגען. איז די שוהל וואס איז געוועזן פון פריהער געווארען צו קליין פאר אלע מתפללים וואס פלעגען קומען פון דעם נייעם געגענד. דאָ איז געקומען צו הילף דער רייכער ריעל-עסטייט מאן, מר. מאקס גארין און האט איבערגעבויט די שוהל—מען קאן זאגען א נייע שוהל—און האט זי געמאכט גענוג גרוים אז עס קאן אין איהר אריינקומען ביי זעקס הונדערט מתפללים. ער האט אויך די שוהל אויסגעצירט מיט די שענסטע מאָדערנע באלייכטונגען. עס איז אן אמת'ער מקדש-מעט. ער האט דאס אריינגעגעבען אלס א נדבה צו דעם מושב זקנים. ער האט אויך צוגעבויט אן אפטיילונג פאר די נוירסעס מיט אלע מאָדערנע באקוועמליכקייטען, און אויך א באזונדער צימער צו האלטען אלע דאקטארשע אינסטרומענטען און אויך אלע מעדיצינען. דאס אלעס גיט צו גרויסע הילף צו דעם מושב זקנים.

מאקס גארין האט אויך פיל געהאלפען צו פארגרעסערען און פארשעהנערען וואשינגטאן. אלס רייכער ריעל-עסטייט מאן און גרויסער בילדער האט ער געטאן זיין חלק אז וואשינגטאנער איינוואוינער זאלען קאנען וואוינען אין שעהנערע און באקוועמערע הייזער, העכער אפטאון, דארט וואו די לופט איז פרישער און געזינטער, מיט גרינע באוואקסענע גערטענדלעך ארום די הייזער.

* * *

די ליידים אוקזילערי פון מושב זקנים, וועלכע האט זיך ארגאני־זירט אין דער זעלבער צייט ווען די שעהנע היים האט זיך געעפענט, אין 1914, דורך דער אונערמידליכער ארבייט פון מרס. נעטי דאנזאנסקי, וועלכע איז אויך געווען די ערשטע פרעזידענטין, האט זעהר פעל מיטגעהאלפען אין דער הייליגער ארבייט און האט פיל בייגעטראגען צו דעם ערפאלג פון דעם מושב זקנים.

די ליידים אוקזילערי באשטעהט איצט פון אריבער טויזענט (1000) פרויען מעמבערס (כן ירבו). די איצטיגע פרעזידענטין איז מרס. סיימאן דייוויס; וויס־פרעזידענטין, מרס. אליס געלמאן; טרע־זשורער, מרס. סאול סטערן; סעקרעטער, מרס. מאריס קארמאן.

די פרעזידענטין, מרס. דייוויס, העלפט מיט זעהר פיל מיט איהר איבערגעבענהייט און מיט איהר פריינדליכקייט, צו שאפען א פריינד־ליכע היימישע אטמאספערע פאר די זקנים און זקנות.

די ליידים אוקזילערי פאסט אויך אויף אויף דעם געזונט פון די זקנים און זקנות; טאמער ווערט איינער פון זיי ניט געזונט ח"ו בא־זארגט מען זיי מיט א דאקטאר. אין מושב זקנים געפינט זיך שטענדיג א דאקטאר, אבער ווען עס איז נויטיג ברייגנט מען נאך א דאקטאר. אויך געפינען זיך דארטען שטענדיג אייניגע נוירסעס, וועלכע גיבען אכטונג אויף די אלטע לייט.

די פרעזידענטין, מרס. דייוויס האט געגרינדעט א „רעד קראָס סוירקעל" צו נייען און צו שטריקען פאר דער ארמיי אלערליי זאכען וואס די סאלדאטען דארפען האבען. די מעמבערס פון דער ליידים אוקזילערי געפינען זיך א גאנצען טאג אין אודיטאריום פון דער האָום וואו זיי טוען די דאָזיגע ארבייט.

דער הכנסת אורחים פון יאהר 1935

מיט פערציג יאהר צוריק, ווען דער וואשינגטאנער אידישער ישוב איז געווען זעהר קליין זיינען נאך קיין אידישע צדקה אנשטאל־טען ניט געווען. ווען דער אידישער ישוב האט זיך פארגרעסערט, זיינען אויך צוגעקומען נויטבאדירפטיגע וועלכע האבען זיך גענויטיגט אין הילף. עס האבען זיך אויך געפונען מענשען גוטהערציגע וועלכע האבען אנגעהויבען גרינדען אלערליי אינסטיטוציעס. אבער די אלע אינסטיטוציעס זיינען געווען נאר פאר דעם היגען ארימאן. פאר דעם פרעמדען, פאר דעם דורכפאהרער האט קיינער ניט געזארגט. עס איז עפעס יא געווען א צרה'דיגער הכנסת אורחים, נאָר אזש אָך און וועה צו אזא הכנסת אורחים. דער פרעמדער פלעגט דארפען ארומ־לויפען נאך א קוויטעל און מיט דעם קוויטעל פלעגט ער דארפען געהן אין א באָרדינג הויז וואס מען האט א נאמען געגעבען הכנסת אורחים. דער פרעמדער האט געקראגען צוויי מאלצייטען און איין נאכט

איבערצונעכטיגען, ניט מעהר—און דעם צרה'דיגען הכנסת אורחים האט מען אויך ניט געקאנט אויסהאלטען. עס האט זיך דריי מאל גע־גרינדעט און דריי מאל אונטערגעגאנגען. אן אמת'ע פאסירונג האט געטראפען מיט דעם שרייבער פון דיזען בוך. ווען איך בין געגאנגען פון א מיטינג שפעט אין א קאלטער ווינטער נאכט, דער פראָסט האט געברענט און דער שניי איז געווען טיף, האט מיך אפגעשטעלט אן עלטערער איד און געפרעגט וואו געהט מען אריין ערגעץ נעכטיגען? אליין האט ער זיך געטרייסעלט פון קעלט. גראדע זיינען מיר געווען ניט ווייט פון דער הויז וואס האט געטראגען דעם אומשולדיגען נאמען „הכנסת אורחים". איך בין צוגעגאנגען מיט דעם אידען צום הויז און אָנגעקלאפט אין טיר. ענטפערט מיר א פארשלאָפענע בייזע שטימע, איך עפען ניט אזוי שפעט ביינאכט די טיר פאר שלעפערס. איך בין געווארען זעהר אין כעס און האב געגעבען א קלאפ אין טיר מיט א געשריי אז איך וועל צוברעכען די טיר אויב מען עפענט איהר ניט.

ער האט דערקענט מיין קול. איך בין איהם געווען גוט באקאנט ווייל איך פלעג אָפט קומען זעהן וויפיל אורחים ער האט. ער האט מיט גרויס רציחה געעפענט די טיר און איך האב אריינגעפירט דעם אידען, וועלכער האט קוים דערווארעמט זיינע פארפראָרענע ביינער.

סיימאן בעלאף

א. ל. שילער

עס איז געווען א צייט ווען א פרעמדער פלעגט דארפען געהן זוכען נאכטלעגער אין דער סאלוויישאן ארמיי, ביז עטליכע וואשינג־

טאנער איינוואוינער, מיט מר. א. שילער בתוכם, האבען זיך דער־וואוסט אז פילע אידען נעכטיגען אין די גוי'שע נאכט הייזער. מר. שילער, א פשוט'ער הארציגער פאָלקס־מענש פון די אמת'ע אידישע פאָלקס־טיפען, האט עס איהם אָנגענומען ביים הארצען ווען ער האט געזעהן מיט זיינע אויגען ווי אזוי אידען האבען זיך געוואלגערט צו־זאמען מיט גוי'שע טרעמפס אין א קאלטער נאסער בילדינג, האט ער באלד גענומען אגיטירען פאר א הכנסת אורחים. עס האבען זיך באלד אפגערופען נאך איינינע מענער וואס האבען איהם געהאלפען אין דער הייליגער ארבייט. עס האבען זיך אויך אפגערופען איינינע פרויען וועלכע פלעגען אכטונג געבען אויף א פרעמדען און האבען געהאלפען מיט וואס זיי האבען געקאנט. נאר קיין שטענדיגע היים האבען זיי ניט געהאט. די פרויען האבען זיך פאראייניגט מיט די מענער, און האבען צוזאמען געגרינדעט אן הכנסת אורחים, און אין 1935 האבען זיי זיך ארגאניזירט אין א שטאטישע אינסטיטוציע.

ווען מען געהט היינט פארביי 407 מאסאטשוזעטס עוועניו. נ. וו.. זעהט מען די שעהנע הויז מיט די אויפשריפטען אין אידיש און ענגליש „הכנסת אורחים" אין גרויסע גאָלדענע ווערטער, קאן מען דאס מיט שטאלץ רופען אברהם אבינו'ס האָטעל. דער דורכוואנדערענדער איד קומט אריין ווי אין אן אייגענער היים, דער סופעראינטענדט נעמט איהם אויף מיט א פריינדליכען פנים. ווען איינער וויל א שוהל, האט ער א שוהל אויך און ער קאן דאווענען מיט א מנין. דאס הויז איז אפען פאר אלעמען גלייך, פאר פרומע און פאר ניט־פרומען. עס קומען איצט פליכטלינגע פון אלע לענדער אין וועלכע היטלער, ימח שמו האט אריינגעשטעלט זיין חזיר'ישען פוס.

די ערשטע אפיסערס זיינען געווען: פרעזידענט, מר. א. ל. שילער; וויים־פרעזידענטין, מרס. מאקס דעניסאן; צווייטע וויים־פרעזידענטין, מרס. סערע ערליך; סעקרעטער, מרס. דארקי; פינאנס סעקרעטער, מרס. א. שולמאן; טרעזשורער, לואיס קאָהען ע"ה.

מען האט באלד באשלאסען צו קויפען אן אייגענע היים. מר. א. ל. שילער, מר. סיימאן בעלאָף און מר. לואיס פרידמאן זיינען געווען די יעניגע וואס האבען געקויפט די הויז אין 407 מאסאטשוזעטס עוועניו, נ. וו., דאָ וואו דער הכנסת אורחים געפינט זיך איצט. די טשארטער־קאמיטע וועלכע האבען אריינגעטראגען דאס געלד צו קויפען די הויז זיינען געווען מר. ירמיהו ווייטץ, מר. סיימאן בעלאָף און מר. א. ל. שילער. און אזוי האט זיך געגרינדעט די שעהנע הייליגע אינסטי־טוציע הכנסת אורחים.

די אפיסערס פון 1941, אין דער צייט ווען די היסטאריע ווערט געשריבען, זיינען פאָלגענדע: פרעזידענט, מר. א. ל. שילער; וויים־פרעזידענט, מר. סיימאן בעלאָף; צווייטער וויים־פרעזידענט, מר. הער־

מאן נאַרוואוד; סעקרעטער. מר. בלאק; פינאנס סעקרעטער, מארים שווארץ; טרעזשורער, מר. דזשייקאב גישנער; טשערמאן, פאול הי־מעלפארב.

א גרויסע הילף אויפצוהאלטען דעם שעהנעם האטעל איז די ליידיס אוקזילערי מיט איהרע אפיסערס, וועלכע זיינען אין דעם יאהר 1941 ווי פאָלגט: פרעזידענטין, מרס. א. שולמאן; וויים־פרעזידענטין, מרס. מאקס דעניסאן; צווייטע וויים־פרעזידענטין, מרס. ב. קארפעל; דריטע וויים־פרעזידענטין, מרס. מארטין מענדעלסאן; טרעזשורער, מרס. י. עלוואַין; סעקרעטער, מרס. עפשטיין; פינאנס סעקרעטער, מרס. ס. הורוויץ.

פאָלגענדע זיינען אלע וויכטיגע מעמבערס וואס נעהמען א וויכטיגען אנטייל אין דער הייליגער ארבייט:

מר. א. שילער
מר. ירמיהו וויטיץ
מר. סיימאן בעלאף
חזן אלעזר נאָוויק
מר. מאקס דעניסאן
מר. א. שולמאן
מר. מארים קייפריץ
מר. בערנארד דאנזאנסקי
מר. לואיס פרידמאן
מר. דזשאזעף טשערנער
מר. א. ליכטענבערג
מר. סעם עגבער
מר. סיימאן עראן
מר. פאול הימעלפארב
מר. מארים גארפינקעל
מר. דזשיי. הינקעל
מר. דזשוליום וויינמאן
מר. רובינשטיין
מר. מארים בולמאן
מר. אייב מאַסטאָוו
מר. ל. וויינשטיין
מר. פרעד גישנער
מר. ב. יאפע
מר. הערי ווינער
מרס. א. שולמאן
מרס. מאקס דעניסאן

מרס. א. ל. שילער
מרס. ירמיהו וויטיץ
מרס. קנאפער
מרס. דזשאזעף טשערנער
מרס. איידע ווינער
מרס. א. ליכטענבערג
מרס. סעם עגבער
מרס. איידע לעווין
מרס. נעטי דאנזאנסקי
מרס. דזשיי הורוויץ
מרס. ב. קארפעל
מרס. ה. גאלדמאן
מרס. האפלער
מרס. אייב מאַסטאָוו
מרס. סילווערמאן
מרס. דזשיי. הינקעל
מרס. מארים בולמאן
מרס. א. וואלדמאן
מרס. ט. ווידאם
מרס. ר. לוסטיין
מרס. א. האניגמאן
מרס. מ. גארפינקעל
מרס. מ. זאלאטאראוו
מרס. סערע ספיגלער
מרס. ס. עגבער

דער קאָמיוניטי סענטער

ווען מען געהט דורך די רייכע שעהנע אריסטאָקראַטישע סטריט 16טע און „קיו“ אין וואשינגטאן, זעהט מען דעם גרויסען שעהנעם בנין מיט גרויסע ענגלישע אותיות, „דשואיש קאָמיוניטי סענטער.“

דער קאמיוניטי סענטער האט הינטער זיך גאר א וויכטיגע היס־טאריע. ווען ער האט זיך געבויט, אין 1925, איז יענער טאג געווען זעהר א גרויסער יום טוב פאר וואשינגטאנער אידען. דעם דריטען מאַי, 1925, האט דער פרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס, קאלווין קולידזש ע"ה, אין דער אנוועזענהייט פון פילע געסט, אייניגע סענא־טארען און קאנגרעסלייט, געלייגט דעם ווינקעלשטיין פון דעם קאָמיו־ניטי סענטער אין דעם שעהנסטען געגענד פון וואשינגטאן.

דער קאָמיוניטי סענטער דינט אלס אן אייגענע גייסטיגע אידישע היים. דארט איז די היים פון אלע אידישע ארגאניזאציעס און גרופען וועלכע מיטען דארט—יעדען אבענד אן אנדער ארגאני־זאציע. דארט געפינט זיך א לעזע־צימער, א צימער פאר לעקציעס, א באַל־צימער, א גימנאזיום פאר אידישע מיידלעך און באָיעס. דער שעהנער קאמיוניטי סענטער האט פארשטארקט און פארברייטערט, און פארצווייגט דאס אידישע לעבען אין וואשינגטאן.

אין די ערשטע יאהרען איז אויך געווען איינגעפיהרט א כשר רעסטאראנט, צוליב קאָנווענשאנס פון ארטאדאקסישע רבנים וועלכע קומען פאַר זעהר אפט אין קאָמיוניטי סענטער, אז זיי זאלען קאנען עסען א כשר׳ען מאלצייט.

דער חנוכת הבית איז געווען אין 1926. דער טאג איז געווען זעהר א גרויסער יום טוב ביי וואשינגטאנער אידען. עס האבען זיך באטייליגט אלע שיכטען פון דער אידישער באפעלקערונג אין וואַ־שינגטאן פאר דער נייער גייסטיגער היים.

דער ערשטער פרעזידענט איז געווען מר. קינג; דער צווייטער פרעזידענט איז געווען דער באוואוסטער נדבן אין וואשינגטאן, מר. מארים קייפעץ (חפץ). ער האט געבויט דעם גרויסען שעהנעם אודי־טאריום, וואס דינט פאר בעלער, פאר קאָנווענשאנס און נאך פאר פילע אונטערנעמונגען, אין אנדענקען פון זיין ליבע מוטער נחמה חפץ, וועלכע איז געשטארבען אין 1924.

אין 1938 האט דער ארויסגעבער פון דער וואשינגטאנער „פאָסט“ מר. יודזשין מייערס געגעבען זעהר א גרויסע נדבה צום קאָמיוניטי סענטער. ער האט איהם זעהר פיל פארגרעסערט און פארשענערט

מיט אלע נייע מאָדערנע איינריכטונגען, וואס האט באטראפען אריבער הונדערט טויזענד דאלאר.

דער קאמיוניטי סענטער איז איצט א גרויסער פארגעניגען און אויך א צירונג פאר אלע וואשינגטאנער אידישע תושבים.

אזוי האט זיך אויסגעפורעמט דאס אידישע לעבען אין וואשינג־טאן, און די אידישע איינוואוינער האבען געפונען אין קאמיוניטי סענטער זייער ערשטען גייסטיגען ווינקעל.

דער פרעזידענט פון 1941 איז מר. בענדזשאמין ארעסמאן; דער סופעראינטענדענט איז מר. עדווארד ראזענבאום; אסיסטענט סופער־אינטענדענט, מר. נייטען פריליכאָוו.

חסד של אמת

די וואשינגטאנער אידישע געזעלשאפט האט אלערליי צדקה אנשטאלטען—פון א בית יתומים ביז א מושב זקנים—פאר אלץ וואס א מענש קען זיך אמאל נויטיגען אין הילף. אמאל ווערט איינער א יורד און ער דארף א גמילת חסד; אמאל פאָרט דורך א פרעמדער און ער דארף האבען א פלאץ וואו צו זיין א פאר טעג און קען ניט באַ־צאהלען; אלע ווערען געהאָלפען מיט דעם גרעסטען כבוד. דאס אלץ איז נאָר פאר דעם לעבעדיגען, אבער פאר דעם טויטען ארימאן האט קיינער ניט געזארגט.

עס איז זעהר ביטער צו לעבען אן ארימאן, אבער עס איז נאך ביטערער צו שטארבען אן ארימאן. האבען זיך איניגע פרויען אריינ־געטראכט אין דעם און האבען געגרינדעט א חסד של אמת סאסייטי.

מרס. הערי ערליך איז פרעזידענט; מרס. פייגע זשענאף, וויים־פרעזידענט; מרס. גאלדבלאט, צווייטע וויים־פרעזידענט; מרס. הערי פעלדמאן, רעקארדינג סעקרעטער; מרס. הערמאן טעפער, פינאנס סעקרעטער; און מרס. שרה קאהען, טרעזשורער.

הרב ר' יהודא ליב לאָעב

דער ערשטער און עלטסטער רב אין וואשינגטאן

רבי דזשוליוס ט. לאָעב (ר' יהודא ליב טוקצינסקי) איז באוואוסט אין וואשינגטאן דורך זיין פיעל־יעהריגע טעטיגקייט פאר דעם טראַדיציאנעלען אידענטום, מיט די אידיש־נאציאנאלע שטרעבונגען, און בעסערע ערציהונג פון דער אידישער יוגענד.

דער רבי לאָעב איז געבארען געווארען אין בריסק דליטע ב' דחוה"מ פסח, תרכ"ט — 1869, פון א גרויס יחוס משפחה. ער איז א ברודער פון הגאון ר' יחיאל מיכל טוקצינסקי נ"י מיקירי ירושלים.

הרב יהודא ליב לאָעב

פון דער מוטער'ס צד אן אייניקעל פון הרב הצדיק ר' משה פייצער זצ"ל, און אן אור אייניקעל פון בריסקער דיין הרה"צ ובעל מופת ר' שמואל'קע פיזיצער זצ"ל, א נאָהענטער חבר פון שטאט רב, ר' יעקב מאיר פאביא זצ"ל. די משפחה בכלל האט זיך אויסגעצייכענט מיט תורה וגדולה במקום אחד.

זיין פאטער, ר' אהרן ע"ה, א למדן און משכיל, א סוחר און אייגענטימער פון א לעדער געשעפט, איז ליידער נפטר געווארען גאנץ יונג און האט איבערגעלאזען צוויי זיהן מיט צוויי טעכטער, פון וועלכע לייבעלע, פון 6 יאהר, איז געווען דער בכור. ער האט שוין געלערענט די מסכת בבא קמא. א וואך פאר זיין פטירה, האלטענדיג אין לערנען זיין שיעור גמרא אין מסכת שבת, האט ער צוגערופען לייבעלען און האט מיט איהם געלערענט דעם פרק „מי שהחשיך לו בדרך" ביז'ן סוף פון צווייטען דף. דער אינגעל האט לאנג נאכגעטראכט און איז קיינמאל ניט געקומען צו קיין באשלוס, אויב דאס איז געווען א פאַרגעפיל אדער א מקרה זאך. . .

קורץ נאך דעם פאָטער'ס פטירה איז דער קליינער לייבעל אריין אין דער בריסקער תלמוד תורה, נאכדעם אין דער ישיבה. אין דער זעלבער צייט האט ער אויך געלערענט אין דער שטאטישער שוהלע פאר וועלטליכע למודים, וואס ער האט געענדיגט מיט גוטע אויסציי־

כענונגען. דער הויפט לעהרער פון דער שוהלע, א געוויסער הער לאזעראוו, אנערקענענדיג די באזונדערע פעהיגקייטען פון דעם אינגעל, האט גענומען א ספעציעלען אינטערעס אין זיין וויטערדיגער ערציהונג און האט איהם געגעבען פריוואטע לעקציעס אין וועלטליכע שפראכען און אויך אין וויסענשאפט. ער האט איהם געהאלפען אין פארפערטיגען זיך צום עקזאמען אריינצוטרעטען אין אוניווערזיטעט אין אויסלאנד.

דערוויל האט פאסירט אז זיין מוטער האט געהייראט פאר א צווייטען מאן, דעם נעסוויזשער רב, ר' יהושע ראבינאוויץ זצ"ל, האט א רייכער אָנקעל אין ביאליסטאק אריבערגענומען דעם יונגען לייבעלען צו זיך קיין ביאליסטאק און געלאזען לערנען אין דער דארטיגער ישיבה. נאך א פאר יאהר אין דער ביאליסטאקער ישיבה, איז לייבעל מיט נאך אייניגע פון זיינע חברים געפארען אין מירער ישיבה. פון דארט, אין א קורצער צייט שפעטער, איז ער געקומען אין נעסוויזש וואו זיין שטיף-פאטער, ר' יהושע'לע האט מיט איהם געלערענט ש"ס ופוסקים.

נאך דעם, ווען דער שטיף-פאטער איז נפטר געווארען, האט לייבעלע באשלאסען צו פאהרען נאך בערלין און דארטען אריינטרעטען אין דער דאָרטיגער ראבינער שוהלע פון פראפעסאר לאצארוס. נאר די מוטער, די צדקניות, האט אבער אנדערש געטראכט. מורא האבענדיג אז די קינדער זאלען ניט פארפרעמט ווערען פון ריינעם אידענטום אין די ווייטע מקומות, האט זי אפגעשיקט דעם אינגערען אינגעל קיין ירושלים, צו זייער בארימטען אנקעל, ר' יוסף ריוולין ז"ל. דאס איז היינט דער באוואוסטער גאון ר' יחיאל מיכל טוקצינסקי, מחבר פון פילע ספרים, און מיט לייבלען האט די מוטער אנדערש ניט געוואלט נאר אז ער זיל פריהער חתונה האבען דאָ אין דער היים, דערנאָך פאהרען קיין אויסלאנד.

„איך האף", פלעגט די מוטער זאגען לייבלען, „ אז דו וועסט זעהן מיט אלע מעגליכקייטען צו פארשפרייטען די ריינע לעהרע פון אונזער תורה הקדושה, און השי"ת וועט זיין מיט דיר, דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגען", און אליין איז זי אוועקגעפאהרען קיין ארץ ישראל וואו זי האט אויסגעלעבט איהרע יאהרען אין נחת.

לייבעל האט חתונה געהאט מיט אן אייניקעל פון ר' שלמה בוטענער, א באוואוסטער תלמיד חכם, און גלייך נאך דער חתונה האט ער גענומען זיין יונגע פרוי און איז אפגעפאהרען נאך אמעריקא. ער איז אָנגעקומען קיין נויארק אין דעצעמבער 1891, דארט איז ער באלד אריין אין א פריפערעטארי סקול און האט אויך אטענדעט די היברו טעאָלאדזשיקעל סעמינארי. ער האט אויך געלערענט מוזיק פון פראָפעסאר קריימער אין עדיוקיישאנאל אליענס.

לייבעלע איז באקאנט געווארען אין נויארק און אויך אויסער נויארק אלס רבי יהודא לייב לאָעב. די ערשטע שטעלע אלס רב, חזן און לעהרער, איז געווען אין נעשוויל טענעסי, מיט א יעהרליכען גע־האלט פון 700 דאלאר.

אין נעשוויל האט שוין רבי לאעב געפונען א ברייטערען פעלד פאר זיין ניצליכער טעטיגקייט. ער האט באלד געגרינדעט א סיסטע־מאטישע היברו סקול און ארגאנזשירט למודים פאר די מיטגלידער פון דער עדת ישראל קאָנגרעגיישאן, פאר עלטערע און אינגערע. דאס האט אליך פאסירט אין 1898, ווען עס האט אויסגעבראכען די שפא־ניש־אמעריקאנישע מלחמה. רבי לאָעב האט פארפאסט א תפלה פאר דעם נצחון פון אמעריקאנער ארמיי איבער די פיינדליכע שפאניער. אלע נעשווילער צייטונגען האבען אויסגעדריקט דעם בעסטען מיינונג וועגען דער תפלה.

מיט דריי יאהר שפעטער האט רבי דר. לאָעב אָנגענומען די איינ־לאדונג פון דער עדת ישראל קאָנגרעגיישאן אין וואשינגטאן, מיט א יעהרליכען געהאלט פון 1200 דאלאר. ער איז אָנגעקומען אין ווא־שינגטאן דעם ערשטען אויגוסט, 1901, א מאנאט פאר ר"ה שנת תרס"ד. דאן האט פאסירט די שרעקליכע טראגעדיע ווען פרעזידענט מעקינלי איז ערמאָרדעט געווארען. די פאסירונג האט געגעבען א שטארקע טעמא צו רבי לאָעב פאר זיינע דרשות אין פאָלגענדע ימים נוראים. די וואשינגטאנער צייטונגען האבען געדרוקט היפשע אויס־ציגע פון די דרשות מיט זעהר גינסטיגע באמערקונגען.

מיט דעם אָנקומען פון רבי לאָעם האט זיך אָנגעפאנגען א נייע עפּאָכע אין דער קאָנגרעגיישאן עדת ישראל אין וואשינגטאן. די קאָנגרעגיישאן האט זיך צובליהט און געוואקסען אין מיטגלידער־שאפט און אין איינפלוס. עס איז באלד קלאָר געווארען אז די קאָנג־רעגיישאן וועט דארפען האבען א נייע שוהל—א פיל גרעסערע. אין די שעהנע גרויסע עדת ישראל שוהל, וועלכע שטעהט איצט אויף דעם קארנער פון 6טע און „אַי" סטריטס, נ. וו., האט רבי לאָעב א גרויסען חלק. רבי לאעב איז געווארען פאָפולער און געאכטעט אין אלע שיכ־טען פון דער שטאטישער באפעלקערונג. די וואשינגטאנער צייטונגען האבען געהאט צו איהם פולען צוטרויען. ער איז געווען דער איינצי־גער וואס האט געהאט די אויפגאבע איבערצוגעבען צו די צייטונגען ערקלערונגען וועגען אידישע ימים טובים, דינים ומנהגים צו פארשי־דענע געלעגענהייטען. מיט זיין מיינונג האט מען זיך גערעכענט וועגען די פאסירונגען פון טאג. רבי לאעב איז אימער געשטאנען אויף דער וואַך צו פארטיידיגען דעם אידישען נאמען מיט דעם פרעס־טיזש פון דעם טראדיציאנאלען אידענטום.

אין יאהר 1907 איז רבי לאָעב אפגעפארען קיין אטלאנטא,

דזשארדזשיא, וואו ער איז געוועזן דער מנהיג פון דער אטלאנטער אידישער געמיינדע.

אין יאהר 1919 איז רבי לאָעב געקומען צוריק קיין וואשינגטאן און איז געוועזן פאר פילע יאהרען דער גייסטיגער פיהרער אין דער אוהב שלום קאָנגרעגיישאן. נאכדעם איז ער אויך געוועזן דער גייס־טיגער פיהרער פון דער סאוט־איסט קאָנגרעגיישאן.

הרב ר׳ יהודא לייב לאעב איז אויך דער גרינדער פון דעם ועד הישיבות אין וואשינגטאן. זיינע עלטערע יאהרען פארברייננגט ער על התורה ועל העבודה.

הרב ר׳ יעקב עוזר דובראָף

רב פון קשר ישראל שוהל דזשארדזשטאן

הרב ר׳ יעקב עוזר דובראָף איז געבארען געווארען אין יאהר תרמ״א, י׳ אדר, אין זלאָבין, מאהילעווער גובערני, רוסלאנד. זיין פא־טער איז געוועזן המופלג בתורה ויראה, ר׳ אליקום געצעל ז״ל, א תלמיד פון ישיבת מיר ועסק כל ימיו בתלמוד תורה. ווען יעקב עוזר איז אלט געווארען 16 יאהר איז ער גע־פאהרען לערנען אין ראהטשעוו אין דער ישיבה פון הרב הגדול ר׳ אליקום געצעל ארלאזאראוו ז״ל. שפעטער מיט אנדערהאל־בען יאהר האט איהם דער ראש ישיבה ממנה געוועזן צו איבער חזר׳ן שיעורים פאר די איבערי־גע תלמידים. אין יאהר תרנ״ז איז ער געפאהרען קיין ליבאוויץ צום רבי׳ן ר׳ שלום דוב בער ז״ל שניירזאן. אין דעם יאהר האט דער ליבאוויצער רבי געגרינ־דעט די וועלט־בארימטע ישיבה תומכי תמימים. דארט האט ער געלערענט גמרא און פוסקים בהתמדה רבה און אויך א שיעור קבוע אלע טאג פאר חסידות חב״ד, ביז דעם יאהר תרס״ד. אין דעם יאהר האט ער געקרא־גען סמיכה פון הרב הגאון ר׳

הרב יעקב עוזר דובראָף

שניאר זלמן קליאצקין אב"ד דק"ק קראהאטשאוו און אויך פון הרב ה"ג ה"ח ר' דוד צבי ז"ל פון טשערניגאוו. אין דעם יאהר האט איהם גע־נומען ר' דוד'ל סקווערער רבי, צו לערנען מיט זיין זוהן ר' איצעלע. מיט ר' איצעלען האט ער געלערענט גמרא און פוסקים פאר צוויי יאהר צייט. אין יאהר תרס"ז האט מען איהם אָנגענומען פאר א ראש ישיבה אין זיוואָסטאָוו, קיעווער גובערני. אין יאהר תרס"ט האט מען איהם אָנגענומען אלס רב אין דער שטאט שפירעניץ, לעבען בערדיטשעוו. דארט איז ער געזעסען על כסא הרבנות ביז דעם יאהר תרפ"א. אין דעם יאהר תרפ"א איז דארט געווען א פאגראם און א סך בע"ב זיינען זיך צופארען פון דעם שטעטעל, ווייל עס איז געווען א פחד צו זיין דארטען, איז ער אויך ארויסגעפארען קיין ווינעצע, פאדאליער גובערני און איז אויפגענומען געווארען רב אין דעם שטעטעל סטריזיווקע הסמוכה לוויניצע, און דארט איז ער געווען רב ביז דעם יאהר תרפ"ד. אין חודש אלול שנת תרפ"ד איז ער געקומען קיין אמעריקא, און אין יאהר תרפ"ה איז ער געקומען קיין וואשינגטאן, און די קשר ישראל שוהל האט איהם אויפגענומען פאר זייער גייסטיגען מנהיג. מיט זיין אנקומען אין דער קשר ישראל שוהל איז די שוהל מיט גאט'ס הילף דערהויבען געווארען, סיי מאטעריעל סיי גייסטיג, און זי איז אויך געווארען רייך אין מעמבערס כן ירבו.

פון אן אלטער קליינער הויז האבען זיי איצט א גרויסע שעהנע שוהל, און אין דעם זעלבען יאהר האט הרב דובראָוו מיט דער הילף פון זיינע חשוב'ע ב"ב און די ליידיס אוקזיליערי געגרינדעט א גוטע תלמוד תורה אונטער דער השגחה פון דעם באוואוסטען פעדאגאָג, מר. סומערס. די תלמוד תורה קאן זיין א שטאלץ פאר דזשארדזש־טאנער אידען בפרט און פאר וואשינגטאנער אידען בכלל. אין יאהר תרפ"ט איז הרב ר' יעקב עוזר דובראָוו אנערקענט געווארען אלס רב אין דער אגודת הקהלות פון וואשינגטאן.

* * *

הרב ר' יעקב עוזר דובראָוו לערענט אלע טאג דעם בלאט גמרא מיט די זקנים אין בית מושב זקנים און זיי האבען דערפון דעם גרעס־טען פארגעניגען.

הרב ר׳ יהושע קלעוואן

רב הכולל פון וואשינגטאן

הרב ר׳ יהושע קלעוואן (פריהער קלעוואנסקי) שטאמט פון א בעל-הבת׳ישער פאמיליע פון תלמידי חכמים. געבארען אין יאנישאק, ליטע, אין יאהר תרמ״ד (1884). נאך אין פריהסטער יוגענט האט מען באמערקט דורך זיין ערנסטער הנהגה, התמדה און גייסטיגע פעהיג־קייען דאס דער קינד וועט זיין אנדערש פון אנדערע קינדער. מען האט פאראוים געזאגט דאס ער וועט זיין א מורה הוראה בישראל.


הרב יהושע קלעוואן

ביז זיבעצען יאהר האט ער געלערנט אין די דארטיגע און אין די ארומיגע ישיבות, צוויי־שען וועלכע עס האט זיך געפונען א ישיבה וואס איז געפירט געווארען דורך איינעם פון אונזערע גדולי הדור, הגאון הגדול, ר׳ אהרן וואלקין, פינסקער רב און מחבר פון פילע וויכטיגע ספרים. אין זיין זיבעצטען יאהר שוין זייענדיג אן אנערקענטער תלמיד חכם, פאהרט ער אוועק אין די גרעסערע ישיבות אום צו קריגען א העכערע השלמה אין חכמת התורה און ווערט א תלמיד פון דעם באוואוסטען גאון און ראש ישיבה, ר׳ חיים ראבינאוויץ זצ״ל, אין דער ישיבה בית יצחק מסלאבאדקע אויף דעם נאמען פון גאון הדור, ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל.

דורך זיין התמדה און התעמקות אין סלאבאדקער שיטה פון לערנען ווערט ער אין א קורצען משך איינער פון די מצוינים אין דער ישיבה, דורך זיין שכל הישר און בליציגען געדאנק צו באלייכטען די שווערסטע ענינים מיט א באזונדערען כח אין הסברה.

נאכדעם ווי דער אויבענדערמאנטער ראש ישיבה האט פארלא־זען די ישיבת בית יצחק, און ווען דער באוואוסטער גאון וצדיק ר׳ ברוך דוב שליט״א האט איבערגענומען די הנהלה פון דער ישיבה,

קומט הרב קלעוואן אָן אונטער דעם גרויסען גאונ'ס השפעה פארטי־פענדיג זיך אין דעם ים התלמוד, ווערענדיג אנערקענט צווישען די וויניגע גרויסע לומדים אין דער ישיבה־וועלט אונטערן נאמען, דער יאנישקער עלוי.

אין יאהר תרס"ז הייראט הרב קלעוואן מיט זיין ווירדיגער פרוי הצנועה והמשכלת מרת פייגע דבורה, א טאכטער פון א שעהנעם בעל הבת'ישען תלמיד חכם, פון בעזעמיר ליטע, באקומענדיג סמיכה פון באוואוסטען גאון ר' משה דאנישעווסקי זצ"ל, סלאבאדקער רב, און, יבדל לחיים, פון גאון וצדיק ר' ברוך דוב שליט"א. נאכדעם באזוכט ער פאר א קורצער צייט די וואלאזשינער ישיבה, צוריקקערענדיג זיך אלס מוכתר בסמיכת חכמים פון גאון הדור ר' רפאל שפירא זצ"ל.

אין יאהר תרס"ט, אין עלטער פון 25 יאהר, ווערט ער רב אין זאסקעוויץ, ווילנער גובערני. אין יאהר תרע"ה ווערט ער אפגעריסען פון זיין קהלה דורך דעם גרויסען שטורעם פון דער וועלט מלחמה. ער לעבט אייניגע יאהר אין קורסק אלס אנטלאפענער פון מלחמה און פיהרט אָן א פארצווייגטע טעטיגקייט פאר דער אויסבעסערונג פון די מאטעריעלע לאגע פון די אומגליקליכע אנטלאפענע ווי אויך פאר דעם גייסטיגען מצב פון דער געמיינדע בכלל.

אין יאהר תרפ"ד קומט הרב קלעוואן אין די פאראייניגטע שטא־טען און ווערט אָנגענומען אלס גייסטיגער מנהיג אין דער גוט בא־וואוסטער קהלה פון בוירלינגטאן, ווערמאנט, וואו ער האט געווירקט פאר איבער צעהן יאהר. אין דיזער צייט האט ער געוואונען די אנער־קענונג פון אלע שיכטען, ווייל דורך זיין לאנג־יאהריגער רבנות קאריי־ערע האט ער געהאט די מעגליכקייט צו שטודירען די מענשליכע פסיכאלאגיע, צו פארשטעהן די מענשליכע מעלות ווי זיי ארויסצו־ברייגגען, סטימולירען און צו פארשטארקען, ווי אויך דעם שטודיום פון די מענשליכע שוואכקייטען און חסרונות, ווי זיי צו באקעמפען דורך די מיטלען פון פריינדשאפט און טאלעראנץ.

„כי שפתי כהן ישמרו דעת... ועולה לא נמצא על שפתו" דארף זיין די מאַטאָ פון יעדען מנהיג וואס וויל באמת אויסאיבען אן איינ־פלוס אויף דער געמיינדע.

הרב קלעוואן האט בשותפות מיט אלע ווירדיגע רבנים פון וואַ־שינגטאן אויפגעהויבען דעם מצב היהדות פון אונזער הויכגעשעצטער קהלה פון וואשינגטאן כדי זי זאל מעגען מיט רעכט טראגען דעם פאר־דינטען נאמען פון „עיר ואם בישראל".

רבי סאלאמאן מעטץ

רבי סאלאמאן מעטץ איז געבארען געווארען אין דעם קליינעם שטעטעל קוהלען, ליטע. ער האט זיינע אינגעלשע יאהרען געלערענט ביי די מלמדים פון זיין שטעטעל. ער איז געווען פאררעכענט אין זיין שטעטעל אלס איינער פון די בעסטע אינגלעך, ביז ער איז דורכ־געגאנגען דעם חדר פון דעם בעסטען גמרא־מלמד וואס איז געווען אין זייער שטעטעל. דאן האט ער געמוזט טאן דאס וואס אלע אינגלעך וואס האבען געוואלט לערנען האבען געטאן, פאהרען אין א ישיבה. צו זיין בר מצוה האט ער שוין געמוזט פארלאזען זיין שטעטעל קוהלען און פאה־רען לערנען אין טעלזער ישיבה און אין סלאבאדקער ישיבה. ווען ער איז געווארען עלטער און האט זיך שוין גערופען ישיבה בחור, האט זיך איהם געוואלט לערנען וועלטליכע למודים. האט ער געמוזט וויי־טער פאהרען אין גרעסערע שטעט, ביז ער איז געקומען קיין אמעריקא, גלייך אין נויארק.

הרב סאלאמאן מעטץ

קומענדיג קיין אמעריקא אלס א יונגער בחור, האט ער זיך ארייגעגעבען אין שעכטער׳ס סעמינארי וואו ער האט געענ־דיגט מיט די בעסטע אויסצייכנונגען אלס ראביי.

שפעטער איז ער אָנגעקומען אלס גייסטיגער פיהרער אין דער עדת ישראל שוהל אין וואשינגטאן, וואו ער איז זעהר געשעצט ביי אלע מעמבערס פון דער קאָנגרעגיישאן און אויך ביי דער אידישער געזעלשאפט פון וואשינגטאן בכלל. רבי מעטץ נעמט זעהר א גרוי־סען אינטערעס אין דעם וואשינגטאנער אידישען לעבען.

ער איז געווען פרעזידענט פון דעם וואשינגטאנער ציוניסטישען דיסטריקט; ער איז דער גרינדער פון דעם דזשואיש קאמיוניטי קאונ־סיל און איז אויך געווען דער ערשטער פרעזידענט. ער איז אויך א מיטגליד פון דער סאשעל דזשאסטיס קאמיטע פון ראביניקאל קאונ־סיל און א מעמבער פון דזשואיש קאמיוניטי סענטער באארד.

הרב ר׳ משה חיים לעווענזאן

רב פון דער בית שלום שוהל

הרב ר׳ משה חיים לעווינזאן איז געבארען געווארען ט״ז מנחם אב שנת תרנ״ט אין ירושלים עה״ק, ביי א זעהר חשוב׳ער פאמיליע. זיין פאטער איז דער באוואוסטער רב, הרב ר׳ בן ציון לעווינזאן, מנהל פון דעם וועד הכללי אין כנסת ישראל אין ירושלים. הרב ר׳ משה חיים לעווינזאן האט געלערנט אין די ערשטע יאהרען אין דער ישיבה מאה שערים, און אין דער ישיבה עץ חיים. צו 21 יאהר האט ער באקומען סמיכה אלס מורה הוראה פון הרב הגאון מהור״ר יוסף גרשון הורוויץ שליט״א, ראש הישיבה פון מאה שערים. שפעטער מיט א פאר יאהר קומט ער אַן צוריק אין דער מאה שערים ישיבה און לערענט מיט גרויס התמדה ביז ער באקומט נאך אמאל סמיכה יורה יורה און ידין ידין, פון דעם זעלבען ראש ישיבה הרב הגאון ר׳ יוסף גרשון הורוויץ שליט״א און מורנו הגאון וצדיק איש אלי״ה הרב הכולל פון ירושלים, מהור״ר אברהם יצחק הכהן קוק זצ״ל. אין יאהר תרפ״ד קומט ער קיין אמעריקא, וואו ער איז באלד אויפגענומען געווארען אלס מנהיג רוחני אין גרינפארט, לאָנג איילאנד. נאך 5 יאהר זייענדיג אין גרינפארט, ווערט ער אויפגענומען אלס מורה דרך אין אלעקסאנדריא, ווא. אזוי ווי אלעקסאנדריא איז זעהר א נאהענטע שכונה פון וואשינגטאן, איז ער אויך גוט באוואוסט געווארען אין וואשינגטאן, און אין יאהר 1934 תרצ״ד ווערט ער אויפגענומען אלס גייסטיגער פיהרער אין די הר ציון קאָנגרעגיישאן אין וואשינגטאן, וועלכע רופט זיך איצט בית שלום קאָנגרעגיישאן און וועלכע האט אויסגעבויט איינע פון די שעהנסטע ארטאדאקסישע שוהלען אין וואשינגטאן.

הרב משה חיים לעווענסאן

באזונדערס איז זעהר וויכטיג די ארבייט פון הרב ר׳ משה חיים לעווינזאן, פאר דער צייט וואס ער איז אויפגענומען געווארען אין דער פיינער ארטאדאקסישער קהלה, מיט זיין גרינדען די תלמוד תורה

פון דער בית שלום שוהל, וועלכע ווערט גרעסער און גרעסער יעדען מאנאט (כן ירבו). הרב ר׳ משה חיים לעווינזאן האט אויך זעהר פיל בייגעטראגען צו דעם וואשינגטאנער אידישען געזעלשאפטליכען רע־ליגיעזען לעבען בכלל. ער איז אויך א מעמבער אין דעם וואשינגטאנער ועד הרבנים.

הרב ר׳ צמח גרין

מנהיג פון דער אוהב שלום שוהל

הרב ר׳ צמח גרין איז געבארען געווארען אין סומע, כארקאווער גובערני, רוסלאנד. זיין פאטער אין הרב ר׳ שלמה יצחק גרין, וועלכער קומט ארויס פון גרויסען רבנ׳ישען יחוס. פון דער מוטער׳ס צד איז הרב גרין אן אייניקעל פון הרב ר׳ אליעזר ליפמאן וואָלק זצ״ל, מחבר פון דעם ספר „עין אליעזר״. ער איז אויך אן אור־אייניקעל פון הרב ר׳ עזריאל וואָלק זצ״ל, וועלכער איז געווען גוט באקאנט אין גאנץ ליטע מיט זיין לומדות און חכמה. ר׳ עזריאל האט געהאט פינף זיהן, אלע רבנים און גאונים. איינער פון זיי איז געווען דער פינסקער רב ר׳ הערש וואָלק זצ״ל. הרב ר׳ צמח גרין איז א תלמיד פון דער סלאבאדקער ישיבה און פון טעלזער ישיבה, און פון הרב קוק׳ס ישיבה אין ירושלים.

הרב גרין איז א מוסמך פון דעם פארשטארבענעם גאון און רב ראשי אין ארץ ישראל, הרב ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק זצ״ל און אויך א מוסמך פון הרב הגאון ר׳ איסר זלמן מעלצער, געוועזענער סלוצקער רב און איצטיגער ראש ישיבה פון דער ישיבה עץ חיים אין ירושלים. אין 1930 האט הרב ר׳ צמח גרין חתונה געהאט אין תל־אביב, מיט די געראטענע טאכטער פון ר׳ משה אהרן וויינשטיין פון סואוואלק, רבקה וויינשטיין. ר׳ משה אהרן וויינשטיין איז גע־ווען באקאנט אלס תלמיד חכם און משכיל. ער האט איבער גע־לאזט אין כתב־יד וויסענשאפט־



הרב צמח גרין

ליכע פירושים אויף תנ"ך. די רבי'צין, רבקה גרין, איז באוואוסט אין וואשינגטאן אלס משכלת און אויך אלס באגאבטע גלענצענדע רעדנע־רין. אין 1932 האט ר' צמח גרין אָנגענומען דעם כסא הרבנות אין דער אוהב שלום שוהל אין וואשינגטאן. ער איז באלד אריינגענומען געווארען אין דעם ועד הרבנים פון וואשינגטאן.

הרב ר' צמח גרין איז אויך שטארק פאראינטערעסירט אין דעם אידישען געזעלשאפטליכען לעבען. זיין וועלטליכע בילדונג האט ער געקראגען אין דזשארדזש וואשינגטאן אוניווערזיטעט, וואו ער האט געלערענט פילאזאפיע און פסיכאָלאָגיע. ער האט אויך געלערענט אין דזשאנס האפקינס אוניווערזיטעט אין באלטימאר, מד. פילאָלאָגיע און ארכעאָלאָגיע. הרב גרין שרייבט איצט א בוך וועגען געוויסע ארכע־אָלאָגישע געגענשטאנדען. ער איז אויך א קאנדידאט אויף דאקטאר פילאזאפיע אין דזשאנס האפקינס אוניווערזיטעט.

הרב גרין האט זיך ערצויגען און געלערענט אין ירושלים. ער איז א קענער פון 12 פרעמדע שפראכען.

ראבאַי דר. ארטור באגנער

פון דער עזרת ישראל שוהל פון נארד־איסט

ראבאַי דר. ארטור באגנער איז געבארען געווארען אין וויען, עסטרייך. ביז צו זיין 16טען יאהר האט ער געלערענט ביי מלמדים וואו זיין פאטער האט איהם געגעבען אין חדר, נאָר ווען ער איז אלט געווארען 16 יאהר איז ער אנגעקומען אין דער ישיבה הר־המוריה אין וויען. פון דארטען איז ער אָנגעקומען אין דער ישיבה צעלים, אונטער דער השפעה פון הרב ר' יוסף אלימלך כהנא. פון דארט איז ער אָנגעקומען לערנען אין דער הילדעסהיימער סעמינאריע אונטער דער השגחה פון פראָפעסאר גרינבערג און אויך פראפעסאר וויינבערג. סמיכה אלס רב האט ער געגומען פון ראש ישיבה הרב ר' יוסף אלימלך כהנא; די וועלטליכע למודים האט ער געלערענט אין די אוניווערסי־טעטען אין וויען, בערלין און אין האמבורג. ער האט אויך געענדיגט פון האמבורגער אוניווערזיטעט אלס דאקטאר פילאזאף. פסיכאָלאָג־יע האט ער געלערענט ביי פראפעסאר זיגמונד פרויד ע"ה. ער האט אויך געלערענט היסטאריע און פילאָלאָגיע ביי פראפעסאר יעלינעק.

דאקטאר ארטור באָגנער איז אליין געווען פראפעסאר אין קייזער פראנץ יאזעף אקאדעמיע אין וויען, ביז היטלער ימח שמו וזכרו, איז געקומען איבער וויען און דר. באָגנער האט דערפיהלט דעם ביטערען טעם פון היטלעריזם צוגלייך מיט אלע אידען פון עסטרייך.

אין 1938 האבען איהם די וואשינגטאנער אידען, די בעאמטע פון דער עזרת ישראל שוהל ארויסגענומען פון וויען אלס רב אין זיי־

ער שוהל. פאר דער דער צייט וואס ער איז אין וואשינגטאן האט ער זעהר פיל אויפגעטאן פאר די מעמבערס פון דער עזרת ישראל קאָנגרעגיישאן אין דעם נאָרד־איסט געגענד בפרט און פאר וואשינגטאנער אידען בכלל.

כאטש דר. ארטור באַגנער האט זיינע וועלטליכע לעהרע געלערנט ביי אזעלכע גרויסע פראפעסארען, נאָר פונדעסטוועגען אלס גייסטיגער פיהרער אין דער עזרת ישראל פיהרט ער זיך העכסט ארטאדאקסיש רעליגיעז. פאר דער צייט וואס ער איז אין וואשינגטאן האט ער זיך גוט באקאנט מיט דער ענגלישער ליטעראטור. ער האלט שוין פילע שעהנע רעדעס אין ענגליש, פון וועלכע די מעמבערס פון שוהל האבען גרויס הנאה.

הרב ר' אהרן סילווערסטאן

רב פון תפארת ישראל שוהל

הרב ר' אהרן סילווערסטאן איז געבארען געווארען אין 1899, אין ליווערפול, ענגלאנד, א זוהן פון הרב ר' גדליהו סילווערסטאן און אן אייניקעל פון הרב ר' יהושע מאיר סילווערסטאן זצ"ל, וועלכער איז געוועזן פילע יאהרען רב אין ליווערפול, ענגלינד.

אין 1906, ווען זיין פאטער, הרב ר' גדליהו סילווערסטאן, האט זיך באזעצט אין וואשינגטאן מיט זיין פאמיליע און איז געוועזן פאר פילע יאהרען דער גייסטיגער פיהרען פון די וואשינגטאנער אידען, איז נאך דער איצטיגער רב, ר' אהרן סילווערסטאן געוועזן א קליין אינגעל. אזוי ווי אין וואשינגטאן איז מיט א 30־40 יאהר צוריק געוועזן דער אידישער חנוך זעהר ארים, האט ער איהם אוועקגעשיקט לערנען קיין ירושלים און דארט האט ער געלערענט אין די ישיבות פון ירושלים ביז ער האט באקומען סמיכה פון די ירושלים'ער רבנים און אויך פון הרב ר' יצחק ווינאגראד און איז געקומען צוריק קיין וואשינגטאן, צו זיין פאטער הרב סילווערסטאן. אין 1930

הרב אהרן סילווערסטאן

האט דער יונגער סילווערסטאן חתונה געהאט אין באפאלא, נ. י., און איז באלד, אין 1930, אָנגענומען געווארען אלס גייסטיגער פיהרער אין דער בית דוד שוהל. נאך דריי יאהר זיין אין באפאלא, האט מען איהם צוגענומען אין שיקאגא, אין דער בית יעקב שוהל.

אין שיקאגא, אין דער בית יעקב קאנגרעגיישאן, איז ער געווען פינף יאהר צייט. די מעמבערס פון דער קאָנגרעגיישאן זיינען געווען פון איהם זעהר צופרידען, נאר פאר דער צייט איז זיין פאטער, הרב ר' גדליהו סילווערסטאן, אוועקגעפאהרען קיין ארץ ישראל, וואו ער האט זיך באזעצט אין תל־אביב און האט דארט געמאכט אויף שטענדיג זיין היים. נאך דעם אפפארען פון הרב ר' גדליהו סילווערסטאן, איז די קאָנגרעגיישאן געבליבען אָהן א מנהיג, האט די קאָנגרעגיישאן באשלאסען אנצונעמען דעם יונגען רב, ר' אהרן סילווערסטאן. און דער כסא הרבנות איז איבערגעגאנגען פון דעם פאטער צום זוהן. פאר דער צייט וואס דער יונגער רב הרב ר' אהרן סילווערסאטן איז דער גייסטיגער פיהרער פון דער תפארת ישראל שוהל האט זיך דער מצב החנוך פון דער תלמוד תורה שטארק פארגרעסערט.

אין 1941 האט רב סילווערסטאן באקומען א דיפלאם פון דעם דזשארדזש וואשינגטאן אוניווערזיטעט אלס לאָיער. ער איז אויך באהאווענט אין דער ענגלישער ליטעראטור.

הרב חיים טובי' ווילִיאמאווסקי

הרב חיים טובי' ווילִיאמאווסקי שטאמט פון אן אנגעזעהענע בעלי־בת'ישע משפחה אין טרעסטענע, גראָדנער גובערני. ער איז געבארען געווארען אין 1896. צו 9 יאהר האט ער פארלאזען זיין היים און איז געווארען א תלמיד פון דער באוואוסטער ביאליסטאקער תלמוד תורה. נאך דריי יאהר שטארקער התמדה לערענט ער שוין אליין פאר זיך. שפעטער ווערט ער א תלמיד אין דער באוואוסטער ישיבה תורת חסד אין בְרעסט־ליטאווסק, וואס איז געווען אונטער דער השפעה פון דעם באוואוסטען רבן של כל בני הגולה, הרב ר' חיים סאלאווייטשיק זצ"ל, און ראש הישיבה ר' משה סאקאלאווסקי ז"ל. אין דער ישיבה ווערט ער גיך אנערקענט אלס גרויסער בעל כשרון און מזג טוב. דריי יאהר שפעטער ווערט ער א תלמיד פון דער סדודיי־נער ישיבה אונטער די לייטונג פון הרב חאסמאן, און ראש ישיבה ר' אלתר לאביצער זצ"ל, באוואוסט אלס דער לאביצער עלוי. נאָך צוויי יאהר לערנען פארלאזט ער צוזאמען מיט א גרופע בחורים פאר

בראינסקער ישיבה אונטער דער השגחה פון דעם גרויסען גאון ר׳ שמעון שקאפּ זצ״ל. פון דער בראינסקער ישיבה קומט ער צוריק קיין ברעסט-ליטאווסק און ווערט נאכאמאל א תלמיד פון ר׳ משה סאקאלאווסקי, וואו ער איז פארבליבען ביז דעם אויסברוך פון דער וועלט מלחמה. צוזאמען מיט נאך עטליכע ישיבה בחורים ווערט ער גולה אין מינסק, וואו ער לערענט ביז ער באקומט סמיכה פאר יורה יורה ידין דין, פון דעם זקן מורה הוראה הרב ר׳ צבי זלמן גנף, בעל מחבר „מעדני שלמה״ און „שלחן שלמה״ אויף יורה דעה, און אויך פון הרב פיינזילבער, דער וועקשינער רב, שפּעטער דער ראש פון ועד הרבנים פון ליטע, און אויך פון הרב יוסף יצחק וויליאמאווסקי, סעל-צער רב, אין רוסלאנד.

אין דער שטאט צאריצין שפּילט ער א גרויסע ראליע אין דעם סאציאלען לעבען פון דער אידישער קהלה און ווערט א רוח חיים אין ארגאניזירען די פליטי המלחמה. אין דער צייט ווערט ער גוט באקאנט אין שטאט און אויך אי האנדעל און פארנעמט א פּלאץ צווישען די גרויסע גבירים פון שטאט—מען האט געקאנט זאגען, תורה וגדולה במקום אחד.

נאך דער רעוואלוציע אין רוסלאנד פארלאזט ער צאריצין און פאהרט צו זיין היים נאווא-אלעקסאנדראווסק. אנשטאט זיך צו פּאר-נעמען מיט רבנות ווערט ער באשטימט פון דער רעגירונג אלס פאר-וואלטער פון דער אידישער גימנאזיע תרבות און ווערט דער גאנצער כח הדחף פון קהל׳שען לעבען.

* * *

אין יאהר 1924 פארלאזט ער ליטע און קומט קיין אמעריקא און ווערט באלד רב אין הענדערסוויל, נ. ק. און פון דארטען ווערט ער אריבערגענומען פון די דארהעמער, נ. ק. קהלה צו ווערען דער מנהיג רוחני. מיט דער קהלה שטעהט ער צעהן יאהר צייט און דורך דער צייט אין ער זיך קונה-שם אין דער גאנצער סטייט נ. ק., וועלכע רע-כענט זיך אלס די תל-אביב פון דער סאוט.

שפּעטער ווערט ער אויפגענומען אלס רב אין אלעקסאנדריא, ווא. אין 1939 ווערט ער אויפגענומען אלס מנהיג אין דער סאוט-איסט קאָנגרעגיישאן אין וואשינגטאן. אונטער זיין השגחה ווערט די שוהל אלץ גרעסער און גרעסער אין מעמבערשיפּ.

הרב ר׳ חיים סגל

פון דער בני ישראל שוהל

הרב ר׳ חיים סגל איז געבארען געווארען אין ירושלים אין 1908, דעם 22טען דזשולײ, תשעה באב. אין זײן קינדהײט האט ער געלערענט אין די חדרים און ישיבת מאה שערים אין ירושלים. אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט מלחמה איז ער געוועז אין וויען, און זייענדיג אין וויען האט ער געלערענט אין א דייטש-אידישע שוהלע.

קיין אמעריקא איז הרב ר׳ חיים סגל אנגעקומען אין 1921. זיין ערשטע היים שטאט איז געוועזן סקרענטאן, פּא. דארט איז ער אויך געגאנגען אין פּאָבליק סקול וואו ער האט געלערענט ענגליש. ער האט אויך געלערענט אין דער תלמוד תורה. פון סקרענטאן איז ער אנגעקומען קיין נו־יארק אין די ישיבת ר׳ יצחק אלחנן, אין דער זעלבער צייט האט ער אויך געלערענט אין היי סקול דערנאך אין קאלעדזש. ער האט געקראגען זיין בעטשלאר אָוו ארטס דעגרי אין נו־יארקער סיטי קאלעדזש פון וואנען ער האט גראדואירט אין 1930, און אין דעם זעלבען יאהר האט ער געקראגען זיין סמיכה פון דער ישיבה פון דר. רעוועל, ר׳ משה סאלאווייטשיק און ר׳ בנימין אראנאוויץ.



הרב חיים סיגעל

זיין ערשטע שטעלע אלס רב איז געוועזן אין ניובורג, נויארק, פון 1931 ביז 1933. אין יענעם יאהר איז ער אָנגעקומען אלס רב אין אלבאני, נויארק. דארט איז ער געוועזן רב פון 1933 ביז 1936, וואו די קאָנגרעגיישאן אוהב שלום האט איהם געהאלטען מיט גרויס כבוד. אין 1936 איז ער אָנגענומען געווארען אלס רב אין דער בני ישראל קאָנגרעגיישאן אין וואשינגטאן, אין דער אמעריקאנער עיר-הבירה.

הרב ר׳ חיים סגל איז אויך אן איבערגעבענער ציוניסט. אין ניובורג און אין אלבאני איז ער געוועזן פּרעזידענט פון דעם ציוניסטי־

שען דיסטריקט. דאָ אין וואשינגטאן איז ער וויים-פרעזידענט אין דעם ציוניסטישען דיסטריקט. הרב סגל איז אויך פרעזידענט פון אידישען נאציאנאל פאנד קאונסיל. אלס יונגער רב נעמט ער זעהר א גרויסען אינטערעס אין אלגעמיין אין דעם וואשינגטאנער אידישען ארטאדאקסישען געזעלשאפטליכען לעבען.

הרב ר' חיים יונה וואלדמאן

רב פון דער אגודת אחים שוהל

הרב ר' חיים יונה וואלדמאן איז געבארען געווארען אין אלקע־ניני, ווילנער גובערני, כ"ה ניסן, שנת תר"ע. קיין אמעריקא איז ער געקומען אין שנת תרפ"א, גלייך קיין באסטאן. ער האט באלד גע־נומען לערנען אין באסטאנער בית המדרש למורים. שפעטער מיט עטליכע יאהר איז ער אריבערגעגאנגען לערנען אין די נויארקער ישיבות. ער האט אויך געלע־רענט אין דער אהל תורה ישיבה און פון דער אהל תורה ישיבה האט ער באקומען סמיכה פאר יורה יורה אלס רב, פון דעם גאון און גדול התורה, הרב ר' בנימין פליישער. הרב ר' חיים יונה וואלדמאן איז איינער פון די יונ־גע אמעריקאנער רבנים אזעלכע וואס זיינען אריבערגעקומען גאנץ יונג און האבען דאָ אין אמעריקא באקומען דעם גרעס־טען טייל פון זייער ענגלישער און העברעאישער ערציהונג. הרב וואלדמאן איז א גראדואיר־טער פון פילאדעלפיער דראפסי קאלעדזש מיט דעם טיטעל דאק־טאר פילאזאפיע.

הרב חיים יונה וואלדמאן

הרב ר' חיים יונה וואלדמאן איז געוועזען דער גייסטיגער פי־רער פון דער בני נחמן שוהל אין פילאדעלפיע. פון דארט איז ער אנגענומען געווארען אלס רב אין דער אגודת אחים שוהל אין וואשינגטאנער ברייטוואודער געגענד.

דער יונגער רב וואלדמאן איז זעהר באהאווענט אין דער אידישער און אויך אין דער ענגלישער קולטור. ער איז דער אמת'ער גייסטיגער פיהרער פאר דער אגודת אחים קאָנגרעגיישאן און פון די וואשינג-טאנער ברייטוואודער געגענד. דאס ערשטע וואס דער יונגער רב האט געטאן איז געווען אוועקצושטעלען דעם מצב החנוך אין ארדנונג. ער האט געשאפען זעהר א גוטע תלמוד תורה אין דער אגודת אחים שוהל. אלס יונגער ארטאדאקסישער רב רעדט ער גאר א פיינעם ענגליש, איז איהם אנגעקומען גאַר גרינג צונויף צו ריידען זיך מיט דער יוגענד; ווען ער האלט א רעדע צו דער יוגענד נוצט ער מעהר זיין ענגליש און ווען ער האלט א דרשה אין שוהל צו דעם עלטערען דור נוצט ער זיין זאַפטיגען אידיש, און אויך פילע מאמרים פון דער גמרא. ביידע זיינען שטארק צופרידען, אי דער עלטערער דור אי דער יונגער דור.

מען קען האפען אז הרב ר' חיים יונה וואלדמאן וועט אלס גייס-טיגער פיהרער אוועקשטעלען דעם ארטאדאקסישען אידישען לעבען אין א גוטען צושטאנד, און דער יונגער דור וועט אויסוואקסען העכסט איבערגעבענע אידען.

דער באוואוסטער עסקן משה גארפינקעל

פאראן מענשען וואס עלטערען זיך פונקט ווי א פרוכט וואס ווערט צייטיג אויף א בוים. דאס זיינען מענשען וואס מיט יעדער יאהר וואס זיי ווערען עלטער קריגען זיי צו אלץ מעהר חכמה וואס איז געבויט אויף לעבענס-ערפארונג; וואס לייגער זיי לעבען אלץ קלאָרער ווערט זייער געדאנק, אלץ ניכטערער ווערט זייער בליק, אלץ מעהר זעהן זיי איין דאס וואס איז אמת דויערהאפטיג; און וואס עלטער די דאָזיגע מענשען ווערען אלץ בכבוד'יגער דינען זיי דער געזעלשאפט. דאס באַציהט זיך אויף איינעם פון אונזערע וואשינגטאנער ערשטע פיאָנערען מר. משה גארפינקעל. ער איז געווען איינער פון אונזערע ערשטע שאַפער און בויער פון דעם אידישען לעבען אין וואשינגטאָן.



משה גארפינקעל

משה גארפינקעל איז געבוירען געווארען אין סואוואלק, רוסלאנד, אין יאהר 1875. געקומען קיין אמעריקא איז ער אין יאהר 1889, אלס א 14-יאהריגער אינגעל, אין נויארק. דארט איז ער באקאנט געווארען מיט דעם אמעריקאנער אידישען לעבען, און שפעטער קומט ער קיין וואשינגטאן און מאכט זיך דארטען זיין שטענדיגע היים. משה גארפינקעל איז באמת א מוסטער פון דער מערקווירדיגער ענערגיע מיט וועלכער אידישע עמיגראנטען צייכענען זיך אוים. אזוי שנעל ווי ער האט זיך באזעצט אין וואשינגטאן, האט ער א דאנק זיין אויסערגעהנליכער ענערגיע און לעבענס-ערפארונג, זיך דורכגעבראכען א וועג און פאר זיך געשאפען אן עקזיסטענץ אין וואשינגטאן. ער האט זיך באלד אָנגעהויבען אינטערעסירען מיט כלל ארבייט און איז אויך באוואוסט געווארען צו אלעמען אין וואשינגטאן און אומגעגענד פאר זיין מסירת נפש פאר אידישקייט און אויך אין צדקה אנגעלעגענהייטען. מען קאן באמת זאגען אז ער איז דער פאטער פון אלע וואשינגטאנער פילאנטראפישע אינסטיטוציעס. ער איז א דירעקטאר אין בית מושב

זקנים, א דירעקטאר אין בית יתומים, א דירעקטאר אין גמילות חסדים, א דירעקטאר אין קאָמיוניטי סענטער, אן עקס-פרעזידענט אין דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאדזש, אן עקס-פרעזידענט אין דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש, ער איז אויך איינער פון די גרינדער פון דער תלמוד תורה קאנגרעגיישאן און איז א מעמבער אין דער תפארת ישראל שוהל.

משה גארפינקעל באגנוגענט זיך ניט מיט דעם וואס ער גיט אליין ער מאכט אויך אנדערע צו געבען. עס איז ניטא קיין איין אונטער־נעמונג וואו משה גארפינקעל זאל ניט נעהמען א ווארימען אנטייל. משה גארפינקעל'ס הויז איז א בית ועד לחכמים, ווער עס פאהרט דורך וואשינגטאן פון די כלי קודש, רבנים, משולחים און אזוי פרומע אורחים, זיינען זיי געסט פון משה גארפינקעל. עס איז אויך ניטא קיין ישיבה וואו מר. גארפינקעל זאל ניט זיין קיין מעמבער. ער איז אויך פרעזידענט פון דעם וואשינגטאנער מזרחי ברענטש.
עס איז באמת פאר מיר א גרויסער כבוד צו שרייבען וועגען משה גארפינקעל אין מיין בוך.

מר. חיים יצחק ווייגער, דער מאָדערנער יום-טוב'ניק

פון טשארלסטאן, וו. ווירדזשיניא

איך דיינק אז פילע געדיינקען נאך די צייט ווען יום-טוב'ניקעס פלעגען ארייגפאהרען אויף די ימים טובים פון דאָרף אין שטאדט אויף גאנצע צעהן טעג, צו קאנען דאווענען ראש השנה און יום כפור אין א שוהל. דער שרייבער פון דיזען בוך געדיינקט גאנץ גוט יענע גאלדענע צייט. מיט 70 יאהר צוריק, ווען מען האט מיך אוועקגעגע־בען אויף 4 יאהר אלס לערען אינגעל. די ערשטע 2 יאהר האב איך באלאנגט צו דער באלעבאָסטע; איך האב באדארפט טאן אלע ארביי־טען אין קיך, ארויסטראגען די פאמוניצע, אָנטראָגען וואסער, שמירען די ערד מיט פרישען ליים יעדען פרייטאג, און נאך אזעלכע איידעלע ארבייט, און עסען האט מען מיר געגעבען קדחות; דאס ברויט איז געווען פארשלאסען. איך פלעג זיין מעהר הונגעריג ווי זאַט. גראדע פלעגט קומען אויף יעדען ראש השנה און יום כפור א יום-טוב'ניק פון א דאָרף ניט ווייט פון יעליסאוועטגראד צו מיינע בעלי בתים. די צעהן טעג פלעג איך אָפלעבען. דער ישוב'ניק פלעגט קומען מיט אן אקסענע פוהר פול מיט אלערליי גרינצייג, פרוכט, אלץ וואס וואַקסט אין דאָרף; אויך הינער און גענז, דערצו מיט א פאר אינגלעך אין מיינע יאהרען אפילו מיט א פאראבאק וואס פלעגט טרייבען די אָקסען.


חיים יצחק וויינער

די ישוב׳ניטשע, זעהר א גוטע
פרוי, פלעגט מיר געבען אָפט א
שטיקעל ברויט מיט איינגע-
מאכטס וואס זי האט געבראכט
פון דאָרף; זי האט דערקענט אָן
מיר אז איך בין הונגעריג. זי
פלעגט מיר אויך געבען אן עפּעל,
א באַרנע, א שטיקעל קאַווענע,
א שטיקעל דיניע. איך פלעג
די צעהן טעג ניט אזוי הונגע-
רען, דערפאר געדיינק איך אזוי
גוט יענען צייטען פון די יום-
טוב׳ניקעס.

וואשינגטאן האט נאך איצט
אויך א יום-טוב׳ניק, אבער אַנ-
אנדער מין יום-טוב׳ניק, דאס איז
דער באוואוסטער גביר און פי-
לאנטראָפּ, ר׳ חיים יצחק וויינער
מיט זיין ליבער פרוי, מרס. גאל-
דע רבקה, מיט זיינע אכט זיהן
און פיר שניר קיין עין הרע, פון
טשארלסטאן, וו. ווירדזשיניע.

די גאנצע רייכע וויינער פאמיליע ווערען וואשינגטאנער יום-טוב׳-
ניקעס איבער ראש השנה און יום כפור, נאָר אנשטאט אן אקסענע
פוהר קומען זיי אין גאנץ גוטע שעהנע אטאמאבילס; אנשטאט פאר-
פאהרען צו מיין שניידער פון אמאל, פארפארען זיי אין שעהנסטען
האטעל ניט ווייט פון דער אוהב שלום שוהל. די גאנצע פאמיליע
דאווענט אלע יאהר אין דער אוהב שלום שוהל, און דער גרויסער
אדיטאריום פון דער שוהל ווערט א גרויסער עס-צימער וואו עס ווערט
סערווירט העכסט כשר׳ע מאלצייטען, וואס ווערט געקאכט אין דער
כשר׳ער קיך פון דער שוהל, אונטער דער השגחה פון מרס. וויינער
אליין. באלד נאך דעם דאוונען געהט דער גאנצער עולם מאכען א
קידוש וואס מר. און מרס. וויינער האבען צוגעגרייט אין דעם שעהנעם
אדיטאריום פון שוהל. אייניגע פארבלייבען שוין געסט צו דער יום-
טוב׳דיגער סעודה, וואס ווערט סערווירט פון צוויי סארווער, מיט די
בעסטע יום-טוב׳דיגע מאכלים. אזוי פארברייינגט זיך דער וואשינג-
טאנער מאָדערנער יום-טוב׳ניק מיט זיין פאמיליע און מיט זיינע גוטע
פריינט אלע יאהר דעם יום-טוב מיט גרויס הנאה.

עס פעלט אויך ניט קיין דברי-תורה ביים טיש פון דעם רב פון

שוהל, ר׳ צמח גרין, וועלכער איז אויך איינער פון די חשוב׳ע געסט ביים טיש. מוצאי יום כפור צוצאלט זיך מר. חיים יצחק וויינער מיט די בעאמטע פון שוהל פאר די אלע עליות וואס ער האט מיט זיינע קינדער געהאט און אויך אלע נדרים וואס זיי האבען צוגעזאגט איבער יום-טוב, און לאזט אויך איבער געוויסע סומען געלט פאר פילע צדקה אנשטאלטען און פארט צוריק אהיים באלד נאך יום-טוב. אָט אזוי פייערט אלע יאהר דער טשארלסטאנער יום-טוב׳ניק מיט זיין פאמיליע דעם ראש השנה און יום כפור אין דער אוהב שלום שוהל פון וואשינג-טאן, ד. ק.

ר׳ חיים יצחק וויינער איז געבארען געווארען אין 1882, אין דער אימעניע פערקונישאק, קאוונער גובערני, וועלכע האט באלאנגט צו זיין פאטער, ר׳ ברוך וויינער ע״ה. אין יענע יאהרען האבען נאך אידען געקאנט זיין לאנד-באזיצער און ר׳ ברוך וויינער איז געוועזן איינער פון די וועלכע האבען פארמאגט אייגענע אימעניעס. ביז 12 יאהר האט דער קליינער חיים יצחק געלערענט ביי די מלמדים וואס זיין פאטער ע״ה פלעגט האלטען ביי זיך אין דער אומעניע אויף די זמנים צו לערנען מיט די קינדער, ווי עס איז געוועזן איינגעפירט אין יענע יאהרען. נאך דעם 12טען יאהר האט ער געלערענט מיט׳ן זיידען ר׳ יוספ׳ל ראסיינער, א באוואוסטער תלמיד חכם אין ראסיין.

אין 1899, ווען אין רוסלאנד איז געווארען די גרויסע איבערקע-רעניש מיט די שרעקליכע פּאָגראָמען; ווען אידען האבען אנגעהויבען לויפען קיין אמעריקא, איז דער יונגער חיים יצחק וויינער אויך גע-לאפען מיט אלע גלייך, און אין 1905 איז ער געקומען קיין אמעריקא. זיין ערשטער אָנקום איז געווען אין שיפענסבורג, פּא. די ערשטע צייט האט ער דורכגעמאכט מיט אלע גרינע צוגלייך, גענומען דעם פּאַק אויף די פּלייצעס, געפּעדעלט ביי די פארמערס, ביז ער האט זיך אבי-סעל ארויפגעארבייט. דאן האט ער חתונה געהאט מיט זיין ליבע פרוי גאלדע רבקה, אין יאהר 1902, אין פילאדעלפיא, פּא. אין 1907 האט ער זיך באזעצט אין טשארלסטאן, וועסט-ווירדזשיניא. ער האט זיך גענומען צו דזשאנק ביזנעס און מיט גאט׳ס הילף איז איהם אוועק געגאנגען זעהר גוט.

אין 1927 האט ער געעפענט אן אייגענעם פלענט אין וואשינגטאן, ד. ק. אין 1936 האט ער געעפענט נאך א פלענט אין ריטשמאנד, ווא. און זיינע געשעפטען זיינען אלץ געגאנגען גרעסער און גרעסער. דערצו האט איהם גאט געבענשט מיט גוטע פיינע קינדער וועלכע זיינען מיט איהם אין די פלענטס. ר׳ חיים יצחק וויינער, כאטש ער פיהרט אזעלכע גרויסע רייכע געשעפטען, איז ער אליין העכסט ארטא-קסיש אידיש און האט ערצויגען אלע זיינע קינדער אלס טראדיציאנעל ארטאדאקסישע אידען.

בערנארד דאנזאנסקי

איינער פון די פאלקס-מאסען וואס האט זיך דורכגעבראכען א וועג מיט זיין עהרליכקייט. דער וועג פון די ערשטע אריבערגעקומענע

בערנארד דאנזאנסקי

עמיגראנטען איז ניט געווען באצירט מיט בלומען; זיי האבען, ווי דער פסוק זאגט, „בזיעת אפיך תאכל לחם“, מיט שוויים פון זייערע פנים'ער פארדינט זייער ברויט. זיי פלעגען שקלאפען אין די שעפער, אין די

קעלערען, אין די פאבריקען, דעם גאנצען מעת לעת צו פארדינען אויף אן עהרליכען אופן זייער שטיקעל ברויט.

באלטימאר איז אויך ניט געווען אפגעשטאנען פון די אלע גרעסע־רע שטעט אין אמעריקא מיט איהרע הונדערטער סוועט־שעפער, וואו די בעלי בתים פלעגען ארויסקוועטשען דאס בלוט פון די גרינע ארי־בערגעקומענע. ניט איינמאל האט געטראפען אז דער באַס פלעגט אנטלויפען מיט די שכירות פון די ארבייטער. איצט, נאך פילע יאהרען שווערע ארבייט, נאך שווערע ראנגלענישען, זעהן זיי ווי מען זאגט אויף די פארגאנגענע יאהרען, אויף די עהרליכע ארבייט וואס האט זיי געפירט צום ערפאלג.

בערנארד דאנזאנסקי איז געקומען קיין אמעריקא אין יאהר 1891, אלס קליינער אינגעל, 12 יאהר אלט, פון דעם שטעטעל בעלז, בעסא־ראביע, רוסלאנד, וואס האט א נאמען פאר איהרע גוטע ווײנען. אלס יונגער אינגעל האט ער געמוזט נעמען ארבייטען צו מאכען א לעבען פאר זיך אליין און אויך העלפען דעם טאטען צו שפייזען דער פאמיליע וועלכע זיינען געקומען קיין באלטימאר אלע צוזאמען. ער האט זיך גענומען צו דער נאדעל־ארבייט און איז באקאנט געווארען מיט דעם לעבען פון די ארבייטער אין יענער צייט. דאן האט מען נאך ניט געוואוסט פון אפגעשטעלטע שעה'ן, מען האט ניט געוואוסט פון קיין יוניאן ווײדזשעס און אויך ניט פון קיין יוניאן שטונדען. אבער אזוי שנעל ווי בערנארד דאנזאנסקי האט זיך גענומען ארויפארבייטען, ווי מען זאגט אין אמעריקא, האט ער זיך באלד אריינגעווארפען אין דער ארבייט פון גרינדען יוניאנס צו פארגרינגערען דעם ארבייטער'ס לע־בען, און צו 18 יאהר איז ער שוין געווארען איינער פון די ארבייטער פיהרער.

אין 1910 האט ער חתונה געהאט מיט זיין אינטעליגענטע פרוי, מרס. נעטי דאנזאנסקי, געוועזענע מיס רייכגוט, א פיל־באוואוסטע פאמיליע אין באלטימאר. זי העלפט איהם ארויס זעהר פיל אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען. אין 1913 האט זיך מר. דאנזאנסקי מיט זיין קליינער פאמיליע באזעצט אין וואשינגטאן. מיט 30 יאהר צוריק איז נאך וואשינגטאן געווען אָרעם אין צדקה אנשטאלטען. קומענדיג קיין וואשינגטאן האט ער זיך געמאכט פילע גוטע פריינט. ער גע־הערט צו דעם סאָרט מענשען וואס „רוח הבריות נוחה המנו". ער איז אויך באקאנט געווארען אלס כלל טוער אין וואשינגטאן. אלע צדקה אנשטאלטען וואס געפינען זיך איצט אין וואשינגטאן איז ער געווען איינער פון די גרינדער. ווען מען געהט דורך 1125 ספרינג ראָוד, קאן מען זעהן א שעהנע געביידע מיט גרויסע אויפשריפטען „בית מושב זקנים, קאן מען זאגען אז דאס איז מר. דאנזאנסקי'ס ליבלינג.

דער צווייטער ליבלינג זיינער איז דער דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש פון באלטימארער אָרדער ברית שלום, וואו ער איז אין 1941 געוואר'ען גרענד מייסטער. ער נעהמט אויך אן אינטערעס אין אלע אידישע אינסטיטוציעס. מר. דאנזאנסקי איז אן אמת'ער הארציגער פאלקס-מענש, א מעורב בין הבריות, וואס באגעגענט יעדען מענשען מיט א שמייכעל. ער איז אויך דער איינציגער אידי־שער אָנדערקייקער אין וואשינג־טאן. אין דער הייליגער ארבייט איז ער אויך פארבונדען מיט צדקה—דאס געהט האנט אין האנט מיט חסד של אמת. עס פלעגט אָנקומען זעהר שווער מיט ארימע לויות, ווארום א גוי ווייסט ניט פון חסד של אמת. ער איז דער גרינדער פון מושב זקנים, דער גרינדער פון דעם דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש; ער איז אויך א מעמבער פון איי־ניגע שוהלען און פון די ארגא לאדזש, פון בני ברית אָרדען; פון דיסטריקט אָוו קאלאמביא לאדזש און פון מעסאניק ארדער, און אין נאך פילע אידישע און אמע־ריקאנער ארגאניזאציעס. ער איז איצט גרענד מייסטער פון אינדע־פענדענט ארדער ברית שלום פון באלטימאר. זיין פרוי, נעטי דאנ־זאנסקי, נעמט אויך אן אינטערעס אין דעם וואשינגטאנער אידישען לעבען, זי איז אויך אזוי טעטיג ווי מר. דאנזאנסקי. זיי פארמאגען אויך דריי זיהן וועלכע זיינען א קאפיע פין די עלטערען — סילווען דאנזאנסקי, א צאהן דאקטאר, זיגמונד דאנזאנסקי, א שותף מיט'ן פאטער אין דעם אָנדערטייקער געשעפט, און דזשאזעף דאנאנפקי. א לאָיער.

זיגמונד דאנזאנסקי

די פאמיליע דאנזאנסקי איז זעהר פאפולער אין וואשינגטאן.

מאָרים חפץ (קייפעץ)

מאָרים חפץ איז געבוירען געוואָרען אין גליבאָקע, רוסלאַנד. ער איז געקומען אין אמעריקא און האָט געמאַכט זיין שטענדיגע היים אין וואשינגטאָן. און האָט זעהר פיל אויפגעטאָן פאַר דער שטאָדט. ער איז איינער פון די געצעהלטע אריבערגעקומענע עמיגראַנטען וועלכע מען קאָן אנרופען מיליאָנערען. ער האָט זיינע מיליאָנען עהרליך פאַרדינט און מיט זיינע מיליאָנען דערוואייטערט ער זיך ניט פון זיינע אמאָליגע גוטע פריינד און אויך ניט פון קיין שטאָדטישע טשאַריטי אידישע און ניט אידישע. ער גיט אָפּ זעהר גרויס כבוד זיין אַלטען טאַטען, וועלכער איז שוין אַ איד פון 87 יאָהר. דער אַלטער טאַטע, ר׳ נתן חפץ האָט אַל׳ין אויך אַ גרויסען נאָמען אין וואשינגטאָן (עס וועט מיר אויסקומען צו שרייבען שפּעטער וועגען איהם).


נתן חפץ

מאָרים חפץ איז געקומען קיין אמעריקא אַ יונגער גליבאָקער בחור׳ל געזונד, לעבעדיג און הונגעריג, ווי אַלע אידישע עמי־גראַנטען קומען. ער האָט אנגע־הויבען זוכען פּרנסה, נאָר זיין פאָטער, ר׳ נתן חפץ, איז שוין געווען אביסעל באַקאַנט אין ביזנעס, האָט ער איהם זעהר פיל ארויסגעהאָלפען. דורכמאַ־כענדיג עטליכע פּרנסה׳ס האָט ער זיך גענומען צו בויען הייזער, דאָס מיינט ריעל עסטייט, און גראָדע אין יענער צייט איז נאָך וואשינגטאָן געווען גאָר אַ קליי־נער ישוב, אויף דער נאָרד־וועסט זייט. זי האָט זיך געגרעניצט מיט גרויסע פאַרוואַקסענע וועל־דער, מיט גרויסע בערג, מיט פילע טייכלעך, לעבען וואשינג־טאָן.

מאָרים חפץ האָט זיך אַ טראַכט געטאָן מיט זיין אידישען קאָפּ אַז אָט דעם ווילדען געגענד קאָן מען מאַכען פאַר אַ מענשליכען ישוב און האָט אויסגעפירט זיינס. ער האָט אפּגעקויפט פילע פאַרוואָרפענע געגענדען און האָט זיך גענומען צו דער ארבייט; געשניטען בערג, געהאַקט בוימער, געטריקענט טייכען און האָט געמאַכט דערפון דעם

שעהנסטען געגענד אין וואשינגטאן. מען זעהט איצט ברייטע, גע־פלאַסטערטע גאסען, מיט צושפרייטע שעהנע גרינע בוימער אויףביידע זייטען, מיט שעהנע הייזער פארבויט, און דאס אלץ האט אויפ־געטאן דאס גרינע בחור׳ל פון גליבאקע.

מען קאן זעהן אין די שעהנסטע גאסען פון וואשינגטאן גאנץ הויכע וואלקען־קראַצערס וועלכע באלאנגען צו מארים חפץ. דער גרעסטער שעהנסטער האטעל אין וואשינגטאן, האטעל אמבאסאדאר, באלאנגט צו מארים חפץ. די צוויי נייע קווארטאלען וואס זיינען צוגעקומען צו וואשינגטאן, פעטוואוד און ברייטוואוד, וועלכע זיינען איצט געווארען דער הויפט אידישער געגענד האט באלאנגט צו מארים חפץ. ער נעמט א גרויסען אינטערעס אין אידישען לעבען. יעדער אונטערנעמונג, צו דאס איז א באנקעט פאר א אידישער שולע, פאר א אידישיסטישער אונטערנעמונג אדער פאר א אידישער קולטורעלער אינסטיטוציע, אדער מען מאכט א געלט־זאמלונג, איז מארים חפץ אלע מאל דער וואס טראגט צו די גרעסטע סומע; ער טוט זיין חוב פון איין זייט און זיין אלטער טאטע, ר׳ נתן חפץ, פון דער צווייטער זייט. אויף זיי קאן מען זאגען די ווערטער, „וואס פאר א בוים אזא פרוכט״.

מארים חפץ איז אויך א טיכטיגער דירעקטאר אין אלע אידישע צדקה אנשטאלטען און גיט אומעטום מיט דער פולער האנט. זיין ליבלינג אינסטיטוציע איז דער קאמיוניטי סענטער, דארט איז ער געווען 10 יאהר פרעזידענט און האט זעהר פיל אויפגעטאן פאר דעם סענטער.

ווען מיר דערמאנען דעם זוהן מוז מען אויך דערמאַנען דעם אלטען טאטען, ר׳ נתן חפץ. ער איז געבארען געווארען מיט 87 יאהר צוריק אין דעם יאהר 1853, וואו זיינע עלטערען האבען געוואוינט אין א קרעטשמע לעבען גלובאקע, רוסלאנד. מיט 87 יאהר צוריק איז אָנגע־קומען זעהר שווער צו לערנען קינדער, א חוץ אביסעל אידיש צו קענען דאווענען—דאס האט מען געמוזט לערנען—און ביי דעם איז דער אלטער נתן חפץ געבליבען. ער איז דער איינציגער איד אין וואשינגטאן וואס שרייבט אונטער טשעקס אויף אידיש פאר שווערע טויזענטער, זיין אידישען אונטערשריפט נתן חפץ. די זעקס אידישע אותיות שפילען זעהר א גרויסע ראָלע אין די וואשינגטאנער ביינק. ווען עס איז געווען די גרויסע עמיגראציע צייט קיין אמעריקא, האט ר׳ נתן חפץ אויך עמיגרירט מיט איניגע פון זיינע גליבאקער לאנדס־לייט קיין אמעריקא און ער האט זיך געמאכט זיין היים אין וואשינג־טאן לעבען זיין עלטערען ברודער, שמעון חפץ, וועלכער האט שוין געוואוינט אין וואשינגטאן פון פריהער.

די שטענדיג וואקסענדע שוועריגקייטען וועלכע די אריבערגעקו־מענע באגעגענען אין דעם גאלדענעם לאנד האט דער אלטער נתן חפץ אויך דורכגעמאכט מיט אלע גלייך. נאָר דא האט איהם א סך ארויסגעהאלפען זיין ברודער שמעון. ער האט איהם געוויזען דעם ערשטען וועג אין די גראסערי ביזנעס און צוליב זיין פעהיגקייט און אָרענטליכקייט האט ער געמאכט זעהר א גרויסען ערפאָלג. דערצו האט איהם גאט געבענשט מיט צוויי געראטענע פיינע זיהן, איינער דער רייכסטער ריעל־עסטייט מאן אין וואשינגטאן, מר. מארים חפץ (קייפעץ), און דער גרוים־אנערקענטער דאקטאר עדווארד חפץ (קייפעץ), מיט אן אנגעזעהענע גרויסע פראקטיקע אין וואשינגטאן.

דער אלטער נתן חפץ מיט זיינע צוויי זיהן נעמען אלע א גרויסען אינטערעס אין וואשינגטאנער געזעלשאפטליכען לעבען. זיי זיינען אלע דריי מעמבערס אין דער אוהב שלום שוהל, וואו זיי לאזען זיך קאסטען יעהרליך גרויסע סומען געלט.

חזן אלעזר הלוי נאָוויק
פון עדת ישראל שוהל

חזן נאָוויק, דער חזן ראשי פון דער גרעסטער און איינפלוס־רייכסטער קהלה אין אמעריקא׳ס הויפטשטאט, די עדת ישראל, איז געבארען געווארען אין א קליין שטעטעל, סאמאגאראדאק, קיעווער גובערני, אין דעם יאהר תרנ״ה (1895).

אלעזר, אדער לאָזקע, ווי מען האט איהם אין שטעטעל גערופען, האט נאך זייענדיג גאָר יונג ארויסגעוויזען גרויסע מוזיקאלישע פעהיג־קייטען. אפשטאמענדיג פון א משפחה פון מנגנים און חובבי נגינה, האט ער שוין צו צעהן יאהר געדאווענט ביים עמוד אין קלויז פון זיין געבורטס־שטאט ווי אויך אין אייניגע דערבייאיגען קהלות, ארוים־רופענדיג אן אונבאשרייבליכען ענטוזיאזם איבעראל.

ער האט געקראגען אן עכט־אידישע טראדיציאנעלע ערציהונג ביי די בעסטע מלמדים און האט זיך אויסגעצייכענט אין די העכערע לימודים אין תנ״ך און גמרא.

מאיר פיסאק ע״ה, דער בארימטער בערדיטשעווער חזן, דערוויסענדיג זיך פון דעם יונגען אלעזר, האט איהם גלייך אויסגע־

כאפט און אין א קורצער צייט איז ער געווארען דער הויפט סאָליסט אין דער באַרדיטשעווער אלטער שוהל. ארומפאָרענדיג מיט חזן פיסאק ווערט ער דער ליבלינג סאָליסט פון די אוקריינער אידישע מאסען. אין בארדיטשעוו זעצט אלעזר פאָר זיינע העברעאישע און אלגעמיינע למודים.

פון בארדיטשעוו פאהרט ער, אלס 14 יאהריגער בחור קיין אדעס, די בארימטע שטאט פון חזנות און השכלה, וואו ער ווערט אנגאזשירט אלס סאָפּראַנא סאָליסט אין די כאהרען פון די בארימטע חזנים פנחס מינקאָווסקי און משה שטיינבערג ע״ה. אין אדעס איז ער דער געשפּרעך פון די חזנות-ליבענדע אידען. דער גרויסער אידישער קאָמפּאָזיטאר און דיריגענט, פסח דוד נאווראצקי און דער דיריגענט יוסף רידער, פון דער גרויסער שוהל, שרייבען ספּעציעלע סאָלאָס פאר איהם.

חזן אלעזר הלוי נאָוויק

אין אדעס באזוכט דער יונגער זינגער די דאָרטיגע מוזיק שולע וואו ער לערענט הארמאָניע, קאמפּאזיציע און מוזיק געשיכטע, ער לערענט אויך אין הרב טשערנאוויטש׳ס ישיבה. ער פארקערט אין די העברעאישע ציוניסטישע קרייזען, געפינט זיך יעדען שבת און יום טובאין דער היים פון פון דעם גרעסטען אידישען דיכטער חיים נחמן ביאליק ע״ה. דארט ווערט ער זעהר אקטיוו אין ציוניזם און ווידמעט א סך צייט פאר העברעאיש און ווערט א באגייסטערטער חסיד פון ארץ ישראל.

אין 1912 פאהרט ער קיין וויען, פארברייגענדיג דארטען איניגע חדשים אין שטודיום, און אין יאהר 1913 קומט ער קיין אמעריקא און באזעצט זיך אין קליוולאנד, אהייא, וואו ער גיט זיך אפּ מיט מוזיק

אלס דיריגענט פון דעם דארטיגען געזאנגס פאראיין און אין די דאר־טיגע שוהלען. אין דעם יאהר 1920 קומט ער אָן אלס חזן אין דער באלטימארער שוהל בני ישראל. אין 1921 ווערט ער אויפגענומען אלס דער ערשטער חזן אין דער נאָר־וואס אויפגעבויטער שוהל שערי תפלה, און אין 1923 ווערט ער אויפגענומען אלס חזן פון דער קאָנגרע־גיישאן עדת ישראל אין וואשינגטאן, ד. ק., וואו ער שטעהט מיט אנערקענונג און גרויס כבוד.

חזן נאָוויק איז א באקאנטע פיגור אין אמעריקאנעם ציוניזם דורך דער מזרחי. אין אונזער שטאט האט ער געגרינדעט דעם קרן קימת קאונסיל און איז געווען דער ערשטער פרעזידענט פאר א משך פון יאהרען. ער האט אויך געדינט אלס דער ערשטער פרעזידענט פון דער העברעאישער ארגאניזאציע „חברותא וועלכע ער האט געגרינ־דעט און איז איצט עהרען פרעזידענט. ער איז אויך געווען א דעלע־גאט צו דעם מזרחי וועלט קאנפערענץ אין קראקאוו, פוילען, און צו דעם 19טען ציוניסטישען וועלט־קאָנגרעס אין לוצערן, שווייץ, אין דעם יאהר 1935. חזן נאָוויק איז א באארד מעמבער פון פילע וואַ־שינגטאנער אינסטיטוציעס נעמענדיג א זעהר וויכטיגען אנטייל אין זיי. חזן נאָוויק באזיצט די פיינסטע קאלעקציע פון ספרי קודש, העברעאישע ספרים ווי אויך פון אן אלגעמיינעם כאראקטער. ער איז אויך דער מחבר פון א סך ארטיקלען אין העברעאיש, אידיש און ענגליש.

חזן נאָוויק האט קאָרעספאנדירט און שרייבט זיך נאך איצט דורך מיט בארימטע פערזענליכקייטען און באזיצט א פיינע קאָלעקציע פון אינטערעסאנטע בריף. זיין פאמיליע באשטעהט פון פיר טעכטער און א בן־יחיד, עזרא, וועלכע איז א תלמיד אין חפץ חיים ישיבה אין באלטימאר. זיי זיינען אלע איבערגעבען דעם אידענטום באטייליגענ־דיג זיך אין אידישען לעבען.

מרס נאָוויק האט געהייראט מיט חזן נאָוויק אין 1920. זי איז זעהר אן ענערגישע און אקטיווע פרוי אין דעם אידישען לעבען.

משה פריילּיכאָוו

עס פרעהט מיך, איך פיהל זיך גליקליך, צו נעהמען די פען אין האנט צו שרייבען וועגען משה פריילּיכאָוו—איינינגע שטריכען פון זיין לעבען אין מיין בוך—וואו עס ווערט באשריבען די געשיכטע פון וואשינגטאן.

משה פריילּיכאָוו

משה פריילּיכאָוו איז איינער פון די ערשטע גרינדער פון דעם וואשינגטאנער פועלי ציון פעראיין, ער איז אויך איינער פון די אקטיווע ציוניסטען אין וואשינגטאן. ער איז באוואוסט אלס שרייבער, לעקטשורער, פאָלקס רעדנער און קולטור מענש. עס איז גענוג צו הערען משה פריילּיכאָוו פינף מינוט ריידען צו פיהלען אז דאָ שטעהט און רעדט א נשמה'דיגער פאלקס מענש וואס מיינט ערנסט און אויפריכטיג דאס וואס ער זאגט. זיין הארץ ווייס ניט פון קיין שום יאוש און צווייפעל, זיין ליבשאפט און צוטרוי צום מענש האט ניט קיין שום גרעניץ.

משה פריילּיכאָוו איז דער מחבר פון איינינגע וויכטיגע באלערענדע ביכער. אין דער שטורעמדיגער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען אין לאנד האט אין די אידישע קרייזען געשטורעמט מיט דער גרויסער אידישער קאנגרעס באוועגונג, איז אויך אין וואשינגטאן פאָרגעקומען עפענטליכע פאָלקס-וואהלען פאר דעלעגאטען צום אידישען קאנגרעס, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין נויארק, און משה פריילּיכאָוו איז אויסגעקליבען געווארען מיט א גרויסער מאיאריטעט אלס איינער פון די צוויי פארטרעטער פון וואשינגטאנער אידענטום צום ערשטען אמעריקאנער אידישען קאנגרעס. דער צווייטער דעלעגאט איז געווען דזשאדזש שטראסבורגער. צום צווייטען אידישען קאנגרעס איז ער אויך אויסגעקליבען געווארען אלס פארטרעטער און דער צווייטער דעלעגאט איז געווען בערנארד דאנזאנסקי.

משה פרייליכאָוו איז געקומען קיין וואשינגטאן פון לאנדאן אין יאהר 1902—באלד 40 יאהר אז ער איז א וואשינגטאנער. ער נעמט אן אינטערעס אין אלע פארשיידענע אקטועלע אידישע פראָבלעמען ער איז ניט קיין רודף אחר הכבוד און ער טוט זיינע פליכטען זעהר באשיידען. ער איז אויך זעהר באוואוסט און ווערט רעספעקטירט אין דער פועלי ציון באוועגונג איבערן גאנצען לאנד, איבעראל וואו ער קומט. עס קאן טאקע זיין אז דער מענש איז דאס וואס די סביבה און עקאנאמישע אומשטענדען מאכען פון איהם, אבער פונדעסטוועגען מיין איך אז וואס אנבאלאנגט דער נשמה איז דאס א גאט-זאך. מען קאן אויך זאגען אז ער איז א גאנץ יאהר א טוריסט, ער איז באקאנט אין יעדער גרויסער שטאט און אין יעדע קליינע שטעטעלע פון די יונייטעד סטייטס, און אומעטום נעהמט מען איהם אויף זעהר פריינדליך און ליבליך אלס איבערגעבענעם ציוניסט.

חזן ר׳ אברהם וויגאדא

פון בית שלום שוהל

חזן ר׳ אברהם וויגאדא איז געבוירען געווארען אין רוסיש-פוילען. זיין פאטער איז געווען דער בארימטער חזן ר׳ שרגא פייוויש וויגאדא ע"ה, וועלכער איז געווען פאר פילע יאהרען חזן אין פלאָצק, דאברין און נאך אייניגע שטעט אין רוסלאנד.

חזן אברהם וויגאדא איז א חזן בן חזן. צו זעקס יאהר האט ער שוין געזונגען ביי דעם פיל-באוואוסטען חזן ר׳ גרשון סיראטא, אין ווארשא, אלס סאָליסט. ביז 10 יאהר האט ער געזונגען מיט זיין טאטענ׳ס כאהר; ער האט פאר דער צייט אויך געזונגען ביי אייניגע גרויסע חזנים. צו 14 יאהר איז ער געווען כאהר דיריגענט ביי זיידעל ראָוונער אין לעמבערג. צו 16 יאהר האט ער שוין געהאט זיין ערשטע שטעלע אלס חזן.

חזן וויגאדא איז געווען באקאנט אין פילע גרויסע שטעט אין אייראפא; אין בערלין, אין וויען און פראג, אין פרעסבורג און קאפענהאגען, בוקארעסט, און אין נאך פילע גרויסע שטעט. זיין לעצטע שטעלע אין אייראפא אלס חזן, איז געווען אין בודאפעסט, אונגארען. ווען היטלער ימ"ש האט אנגעהויבען ברייגנען דעם גרויסען אומגליק אויף דער גאנצער וועלט, האט ער געטראפען בודאפעסט אויך, און חזן וויגאדא האט זיך געמוזט ראטעווען צוגלייך מיט אלע אידען. צום

גליק האט ער א ברודער, דעם פיל-באוואוסטען חזן שמואל וויגאדא, און דער ברודער האט איהם גע־האלפען קומען אין דער גליקלי־כער אמעריקא. חזן שמואל ווי־גאדא איז געווען גוט באקאנט אין וואשינגטאן, וואו ער איז געווען חזן אין דער בית שלום שוהל, האט ער מיט דער הילף פון דער בית שלום קאָנגרעגיי־שאן איהם אריבערגעבראכט קיין וואשינגטאן און ער איז גע־בליבען חזן אין בית שלום שוהל און אויך אן איינוואוינער אין וואשינגטאן.

חזן אברהם וויגאדא

חזן אברהם וויגאדא האט זעהר פיל אויסגענומען אין וואַ־שינגטאן; ער ווערט אָפט דער־מאָנט אין דער ענגלישער און אויך אין דער אידישער פרעסע. זעהר פיל איז געווען געשריבען אין די וואשינגטאנער צייטונגען ווען חזן וויגאדא האט צום 58טען געבורטסטאג פון פרעזידענט רוזוועלט געשאפען א שעהנע קאמפאַ־זיציע פאר וועלכע ער האט באקומען פון פרעזידענט רוזוועלט זעהר א הארציגען לעטער מיט א גרויסען דאנק.

חזן אברהם וויגאדא ארבייט איצט אויף צוויי גרויסע ווערק פון זיינע אייגענע קאמפאזיציעס. איין באנד וועט הייסען „שיר אברהם" פאר קאנצערטען, און איין באנד וועט הייסען „תפילת אברהם" פאר חזנים אליין.

מיין בעסטער פריינד, מר. אברהם טאַש

שרייבענדיג די געשיכטע פון דעם אידישען לעבען אין וואשינג־טאָן, און אויך פון איניגע יחידים, וויל איך דערמאנען א יחיד, איינעם פון מיינע ערשטע גוטע פריינד פון דעם יאהר 1906 ביז דער צייט ווען איך שרייב דעם בוך. ער האט זיך פארדינט אז זיין גוטע ארבייט זאל פארשריבען ווערען אין דעם בוך.

אברהם טאַש

אברהם טאַש איז געבארען געווארען אין יאהר 1876, אין דעם שטעטעל ראכמענסטריווקע, קיעווער גובערני, ביי ניט קיין רייכע עלטערען. דאס שטעטעל האט געהאט א שם צוליב דעם גרויסען רבי'ן ר' יוחנ'צע ראכמענסטריווקער זצ"ל. דאס גאנצע שטעטעל פלעגט ציהען איהר פרנסה פון דעם רבי'נס הויף, שבת פלעגט דאס גאנצע שטעטעל האבען דעם גרעסטען פארגעניגען צו זיצען ביי דעם רבי'נס טיש און הערען ווי די חסידים זינגען זמירות. אין אזא סביבה איז אברהם טאַש אויס־געוואקסען. צו 21 יאהר האט האט מען איהם צוגענומען אין דער ארמיי, ווי עס איז דענסט־מאל געווען דער געזעץ אין רוסלאנד.

צוריקקומענדיג פון דער ארמיי האט דאן אויסגעבראכען די מלחמה מיט יאפאן און עס האט זיך איהם ניט געוואלט געהן שלאגען פאר דעם צאר באטיושקא, איז ער אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא און אין 1905 האט ער געמאכט זיין היים אין וואשינגטאן.

קודם כל איז אברהם טאַש א העכסט סימפאטישער מענש וועל־כער ארבייט לטובת הכלל. צו העלפען זיינע מיטמענשען איז זיין העכסטער אידעאל. ער איז באמת ברייטהארציג, טיף־פילענד, ערליך און געוויסענהאפט; ער האט אויך א נייגונג צו ארגאניזאציאנס אר־בייט; ער איז געווען דער יעניגער וואס האט אין די ערשטע יאהרען גענומען אן אינטערעס אין אריבערגעקומענע עלענדע עמיגראנטען. ער האט געגרינדעט אין 1907 דעם יעליסאוועטגראדער פעראיין און

האט געמאכט פון אלע עלענדע איין גרויסע משפחה. ער איז אויך איינער פון די גרינדערס פון דעם גרעסטען לאדזש אין וואשינגטאן, דעם דיסטריקט אָוו קאלאמביא לאדזש. ער איז אויך א טיכטיגער מעמבער אין איניגע טשאריטי אינסטיטוציעס, ווי דער מושב זקנים, גמילות חסד און נאך איניגע.

זייענדיג גוט באקאנט מיט פריינט טאַש׳ס גוטע ארבייט מוז איך אויסשפרעכען מיין מיינונג וועגען איהם.

מר. הערי פארעצקי

יעדער איינער וואס איז געווען מיט 25 יאהר צוריק אין וואשינג־טאן און קומט איצט ווידער אמאל, קען ער די שטאט ניט דערקענען, אזוי האט זיך דאס אלעס געביטען, אלעס פארשעהנערט. ווען מען זעהט די לאנגע ברייטע פענסיל־ווייניע עוועניו, ווי עס איז גע־ווען די גאנצע עוועניו בא־זעצט נאָר מיט קראמען פון אלערליי געשעפטען, זעהט מען איצט אויף דעם אָרט, אויף די גאנצע ליינג פון דער עוועניו די גרויסע שעהנע רעגירונגס גע־ביידעס; אלערליי ווייסע, גרויע, מיט שעהנע שטיינערנע זיילען ביים אריינגאנג.

הערי פארעצקי

ווען מען געהט ארויף אפטאון זעהט מען אויף דעם פלאץ פון בלאָטיגע זומפען שטעהן איצט שעהנע גרינע פארקען מיט הויכע פארצווייגטע בוימער, מיט אלערליי בלומען. אויף דעם אָרט פון הויכע וויסטע בערג שטעהן איצט הויכע מיליאנען דאלאר־דיגע אפארטמענטס.

אין דעם אלעמען פארנעמען די אידישע בויער א גרויסען אָרט, ווארום פילע אידען זיינען פאנומען מיט דער בוי־אינדאסטרי.. צווי־שען זיי איז אויך איינער פון די בויער מר. הערי פארעצקי, וועלכער האט זיך גענומען אויסברייטערען וואשינגטאן אין דער צווייטער זייט, דאס מיינט אין אנאקאסטיא, סאוט־איסט געגענד.

פרי לאאן אסאסיאיישאן

דאס אידישע פאלק איז אלע מאל באוואוסט געווען אלס רחמנים בני רחמנים, אלס מענשען וואס באציהען זיך מיט מיטלייד צו די ארימע און שוואכע. אין יעדער אידישע קהלה, נאך אין דער אלטער היים, פלעגען זיך געפינען וואלטעטיגע אנשטאלטען וואס פלעגען אכטונג געבען אויף אלע נויטבאדירפטיגע וועלכע האבען זיך גענויטיגט אין הילף.

די דאזיגע גוטע מדה האבען אידען אריבערגעטראגען אויך קיין אמעריקא. אין וואשינגטאן געפינען זיך אלערליי אידישע אנשטאלטען צו העלפען נויט-באדירפטיגע. באזונדער טראגיש איז דער פאל מיט יורדים, ווען איינער א געשעפטסמאן, האט דורך געוויסע צופאלען פארלארען זיין פארמעגען. ער קאן זיך גאר ניט העלפען. וואס קאן טאן אזעלכער וואס דארף האבען הילף און האט ניט וואו צו קריגען? אויף דעם איז דא די פרי לאאן אסאסיאיישאן. ער קומט און נעמט עטליכע הונדערט דאלאר און שטעלט זיך צוריק אויף די פיס ווי ער איז געווען, און אמאל נאך בעסער ווי געווען, ווארום ער ווייסט די פעלערען וואס ער האט געמאכט. דער פרי לאאן אסאסיאיישאן קאן דינען אלס א מאנומענט צו דער גוטסקייט פון איניגע וואשינגטאנער כלל-טוער וועלכע נעמען א טיכטיגען אנטייל אין דער גוטער ארבייט.

איך וויל דערמאנען מר. טשארלס ראפאפארט, וועלכער איז שוין פרעזידענט פון דער אסאסיאיישאן זייט זי האט זיך געגרינדעט, מען קאן זאגען אז די פרי לאאן אסאסיאיישאן איז ביי איהם דאס צווייטע פון דעם לעבען. ווען מען דערמאנט די פרי לאאן אסאסיאיישאן מוז מען דערמאנען טשארלס ראפאפארט. ער לויפט ארום זוכען טאמער באדארף איינער האבען הילפע און ער געפינט טאקע אויך . . . און טאמער קאן די סאסייטי ניט געבען אזויפיל דערלייגט ער אייגענע א פאאר הונדערט דאלאר, אבי יענער זאל געהאלפען ווערען.

ר׳ שאול (טשארלי) ראפאפארט

פרעזידענט פון גמילות חסדים

ר׳ שאול ראפאפארט איז געבוירען געווארען אין יאהר 1863 אין טיף רוסלאנד. ער איז געקומען קיין אמעריקא אין 1896, און אין 1900 האט ער זיך באזעצט אין וואשינגטאן. ער איז לויט זיין אויס־זעהן א פאַרנעמער מינש; זיינע שווארצע וואָנצעם און די קורץ־גע־שוירענע האָר מאכען איהם אויסזעהן ווי א רוסאַק, אבער זיינע גוט־מוטיגע שווארצע אויגען מיט דער לייגגליכער נאָז זעהן אוים עכט אידישליך. מיט דעם ערשטען קוק דערקענט מען אין איהם די אמת׳ע גוטסקייט. ר׳ שאול ראפאפארט איז א איד א בעל־צדקה. די הויפט־שטריך אין זיין כאראקטער אין ווארימהארציגקייט און ליבע צו מענ־שען. ער איז מיט זיין גאנצען לעבען אריינגעטאן אין דער גמילות חסדים ארגאניזאציע, וואו ער איז פרעזידענט שוין אריבער 30 יאהר.

גאט האט איהם געבענשט מיט דער אמת׳ער אמעריקאנער פריי־הייט, דאס מיינט אז ער איז געווען פריי פון זאָרג וועגען פרנסה. ער האט געהאלפען „אָנקעל סעם" מאכען דאס געלד פאר׳ן לאנד. ווען מען ארבייט פאר אנקעל סעם האט מען א סך פרייע צייט און מר. ראפאפארט האט ניט אויסגענוצט זיין פרייע צייט אויף שפילען פינאקעל אדער פויקער; מר. ראפאפארט האט אוועקגעגעבען זיין גאנצע פרייע צייט פאר כלל ארבייט; מען קאן איהם זעהן אלע נאכט ביי אן אנדער מיטינג. ער איז פון די אמת׳ע עוסקים בצרכי צבור באמונה. מר. ראפאפארט נעמט א גרויסען אינטערעס אין דיסטריקט אָף קאלאמביא לאדזש, וואו ער איז טרעזשורער פאר 35 יאהר.

דער נאמען ר׳ שאול ראפאפארט איז באקאנט צו אלע וואשינג־טאנער אידען. עס זיינען ביי איהם טייער אלע צדקה אנשטאלטען וועלכע העלפען נויטבאדירפטיגע, אבער זיין ליבלינג אינסטיטוציע איז דער גמלות חסדים, ער נעמט זעהר א שטארקען אינטערעס ווען איי־נער ווערט א יורד, ער זעהט מיט אלע כחות איהם צו שטעלען צוריק אויף די פיס ווי ער איז געווען, און זיין גרעסטער פארגעניגען איז צו זעהן ווי יענער האט פרנסה. אזעלכע אידען, זאל גאט העלפען, עס זאלען זיין א סך.

מרס. בעסי קארפּעל

זעהענדיג די צוויי נאָבעלע פּרויען אויף דעם בילד, קען מען זעהן די טיף-פילענדע איידעלע נשמות, וואס זייער גאנצע זארג איז נאָר ווי צו פארגרינגערען די נויט-ליידענדע און צו העלפען הילף-באדירפטיגע. דאס איז זייער גאנצע אויפגאבע אין לעבען. איינע איז מרס. עלינאר רוזוועלט, דעם פּרעזידענט'ס פרוי, און די אנדערע איז מרס. בעסי קארפּעל, די באוואוסטע אידישע כלל-טוערין אין וואשינגטאן.

מרס עלינאר רוזוועלט   מרס. בעסי קארפּעל

מען דארף ניט פרעגען ביי מרס. בעסי קארפּעל צו וואס פאר א סאסייטי זי באלאנגט, מען דארף זי פרעגען צו וואס פאר א סאייטי זי באלאנגט ניט. מרס. בעסי קארפּעל באלאנגט צו דער היברו סיסטער אייד סוירקעל, די סלאבאדקער ישיבה, מושב זקנים, הכנסת אורחים, דענווער קאנסאמפּטיוו סאסייטי, ליידים אוקזילערי פון בית שלום שוהל, צו דער ליידים מזרחי ברענטש, צום גן הילדים אין פּאלעסטינא, צו דעם קאָלקער פעראיין, אויך צו דער באלטימארער נר ישראל

ישיבה און חסד של אמת. אין אלע סאסייטים נעמט זי א שטארקען אינטערעס; אין אייניגע איז זי טרעזשורער, אין אייניגע איז זי וויס-פרעזידענט; אזוי ארבייט זי זעהר שווער טאג און נאכט. זי פארנעמט זעהר א גרויסען פלאץ אין וואשינגטאנער אידישען געזעל־שאפטליכען לעבען, דערפאר האט זי געהאט אזא גרויסען כבוד צו שטעהן אויף איין בילד מיט דער ערשטער ליידי פון לאנד, מרס. עלי־נאָר רוזוועלט, דעם פרעזידענט׳ס פרוי. די אנדערע צווי פרויען אויפ׳ן בילד זיינען מרס. רוזוועלט׳ס נוירס און איהר סעקרעטער.

מיר אידען דארפען זיך פיהלען גליקליך וואס מיר לעבען אין דער איצטיגער צייט אין אזא דעמאקראטיש לאנד, אז די פרוי פון דעם פרעזידענט פון יונייטעד סטייטס זאל זיין אן עהרען גאסט אויף א אידישען באנקעט און זיך פאטאגראפירען צוזאמען מיט א אידישער פרוי.

מרס. בעסי קארפעל איז געבארען געווארען מיט 68 יאהר צוריק, אין יאהר 1874, אין דעם שטעטעל קאלקע, ווילנער גובערני. מיט 30 יאהר צוריק, אין יאהר 1912, איז זי געקומען קיין אמעריקא מיט איהר ליבען מאן, ר׳ ברוך קארפעל, און אין 1922 האבען זיי געמאכט זייער היים אין וואשינגטאן, וואו זי האט זיך אריינגעווארפען מיט איהר גאנצער ענערגיע אין געזעלשאפטליכען לעבען.

גאט האט איהר אויך געבענשט מיט גוטע פיינע קינדער. איהר זוהן, מר. הערי קארפעל, האט גאט געבענשט מיט גרויס רייכקייט. ער איז איינער פון די רייכסטע אידען אין וואשינגטאן. ער גיט אויך זעהר פיל צדקה, וויפיל נאָר די מאמע הייסט איהם געבען גיט ער. אלע קינדער האבען זיך גאנץ פיין ארויפגעארבייט עקאנאמיש, זיי גיבען אומעטום מיט דער פולער האנט. דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פון בוימעלע. „א גוטער בוים גיט ארויס גוטע פרוכט“.

מר. טשאַרלס גאָלדסמיט און
מרס. טשאַרלס (טאַנטע מיני) גאָלדסמיט

מר. טשאַרלס גאָלדסמיט, דער איצטיגער פּרעזידענט פון דעם מושב זקנים, איז אויך באַוואוסט אַלס כּלל-טוער אין וואַשינגטאָן. מר. גאָלדסמיט איז גוט באַקאַנט פאַר זיין פילאַנטראָפּישער אַרבייט, סיי אין אידישע סיי אין ניט-אידישע קרייזען פון וואַשינגטאָן. איך האָב זיך אָבער אונטערגענומען צו שרייבען וועגען פרויען כּלל-טוערינס אויך, דערפאַר מוז איך שרייבען וועגען מרס. גאָלדסמיט וועלכע איז באַקאַנט אויך אַלס „טאַנטע מיני". ניט אומזיסט האָט זי זיך פאַרדינט דעם נאָמען טאַנטע סיי ביי אידען סיי ביי ניט-אידען. איהר דאַרפט זיך נאָר באַקאַנען מיט מרס. גאָלדסמיט און איהר וועט אַנהויבען צו גלויבען אין דעם גייסט פון מענשען, און איהר וועט זיך וואונדערען אַז אין אַ פרוי קאָן זיך באַהאַלטען אַזויפיל גוטסקייט, אַזויפיל רחמנות פאַר דעם אומגליקליכען. דאָס אינטערעסאַנטסטע איז וואָס מרס. גאָלדסמיט האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט ווייט אַריבער די 60ער און איז נאָך פול מיט לעבען. פון איהר אויסדרוק ווען זי דאַרף העלפען די נויטבאַדירפטיגע קאָן מען זעהן ווי זי איז צופרידען מיט איהר גאַנצען לעבען. איהרע אויגען שטראַלען מיט ליבשאַפט, איהר געזיכט לויכט מיט גליק; זי שמייכעלט, זי לאַכט, זי איז פול מיט לעבען. זי פיהלט זיך גליקליך אַז זי ברענגט נוצען די אומגליקליכע וועלכע נויטיגען זיך אין הילף.

אייגענטליך איז איהר פּריוואַטער לעבען אויך פאַרבונדען מיט קהל'שע טעטיגקייטען, איבערהויפּט מיט דעם מושב זקנים. זי איז צו די זקנים און זקנות אַן אמת'ע געטרייע מאַמע. זי איז אויך וויס-פּרעזידענטין פון איינער פון די גרעסטע אָרגאַניזאַציעס אין וואַשינגטאָן, דאָס איז דער קאַמיוניטי טשעסט, וואָס גיט אַכטונג אויף אַלע טשאַריטי אינסטיטוציעס, אידישע און ניט-אידישע.

דער קאַמיוניטי טשעסט טיילט אויס צוויי מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר צו אַלע טשאַריטי אינסטיטוציעס. זי איז אויך אַ מעמבער פון דער באָאַרד אָוו עדיוקיישאַן אין וואַשינגטאָן. מרס. גאָלדסמיט איז געוועזן די יעניגע וואָס האָט פאַראייניגט אַלע טשאַריטי אינסטיטוציעס. זי האָט געהאָלפען אַלעמען גלייך, בערלינער, וואַרשעווער, ביאַליסטאָקער, אָהן אונטערשייד. זי האָט געהאַלטען אַ רעגעלען אָפיס אין דייטשען רעפאָרם טעמפּעל און מען פלעגט קומען צו איהר מיט אַלערליי טראָבעלס. דער שרייבער פון די שורות איז מיט דרייסיג יאָהר צוריק געזעסען מיט איהר אין אָפיס און האָט געזעהן ווי זי האָט

געלאזט ארעסטירען א מאן וועלכער פלעגט קומען שפעט ביינאכט אהיים פון געמבלינג און האט נאך פרובירט אויפהויבען א האנט אויף דער פרוי. מען קומט צו איהר מיט אזעלכע און אנדערע פאמיליע טראָבעלס. זי האט זיך באמת פארדינט דעם נאמען „טאַנטע מיני“. דער נאמען וועט פאראייביגט ווערען אין וואשינגטאן.

מרס. חנה לאה שולמאן

מרס. חנה לאה שולמאן, וועלכע איז פארבונדען מיט צאלרייכע אידישע ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס, באטראכט דעם הכנסת אורחים פאר איהר ליבלינג, פאר איהר הויפט פאראנטווארטליכקייט. אפשר איז דאס דערפאר וואס זי איז געווען איינע פון די ערשטע גרינדערס, און אויך דערפאר וואס איצט איז די גאנצע וועלט פול מיט אומגליקליכע אידישע וואַגלער, און ווײל ביי דער איצטיגער צייט זיינען די דורכגעהער אדער דורכפאהרער אזוי אומגליקליך אזוי דערשלאגען, און קאנען געפינען א היים אביסעל זיך אויסצורוהען פון זייער ארום־וואַגלען. איין זאך איז זיכער, אז דער הכנסת אורחים ליגט איהר טיף אין הארצען. איהר דארפט זיך נאָר באקאנען מיט דער פרעזידענטין פון דער לייי־דים אוקזילערי פון דעם הכנסת אורחים, מרס. שולמאן, וועט איהר שטוינען אז אין א פרוי געפינט זיך אזויפיל רחמנות, אזויפיל מיטגעפיהל פאר די אומגליקליכע וואנדערער, אום־גליקליכע וואַגלער. דאס אינטע־רעסאנטע איז וואס איהר מאן, מר. אברהם שולמאן, איז אליין א געשעפטסמאן. ער איז שטענדיג פארנומען און קאן זיך ניט אזויפיל אפגעבען מיט קהל'שע זאכען, איז ער שטאלץ מיט זיין ליבע פרוי'ס טעטיגקייטען און איז איהר באהילפיג ווען נאָר מעגליך.

מרס. חנה לאה שולמאן

מרס. חנה לאה שולמאן האט אוועקגעגעבען א סך צייט און כח צו העלפען גרינדען די עזרת ישראל שוהל אין אכטע און „אַי" סטס., נאָרד־איסט, וואו זי איז געווען סעקרעטערין 13 יאהר. זי איז אויך געווען פרעזידענטין פון דער ליידיס אוקזילערי 4 יאהר און איז נאָך איצט אויך א מעמבער וואס נעמט א שטארקען אנטייל אין דער שוהל.
מרס. שולמאן איז אויך א מעמבער פון דער דזשואיש קאונסיל אָף וואומען; זי איז אויך א טיכטיגער מעמבער אין דער ליידיס אוק־זילערי פון דעם וואשינגטאנער מושב זקנים און נאך פילע ארגאני־זאציעס, אייגענטליך איז איהר פריוואטער לעבען אויך פארבונדען מיט איהרע קהל'שע טעטיגקייטען.

מרס. חנה לאה שולמאן איז די טאכטער פון דעם פיל־באקאנטען מר. זילבערמאן, אין לייקוואוד. ער איז דער אייגענטימער פון דעם זילבערמאן ווילא כשר'ן האטעל. מר. און מרס. שולמאן האבען אריינ־געמופט אין וואשינגטאן מיט 29 יאהר צוריק און האבען זיך באזעצט אין דעם נאָרד־איסט געגענד, וועלכער האט איצט אויפגעבליהט אלס א העכסט אידישער געגענד, וואו מרס. שולמאן האט געפונען א פעלד צו ארבייטען פאר דער געזעלשאפט. אין דערזעלבער צייט וואס זי איז פארנומען מיט ארגאניזיישאן ארבייט האט זי זיך אויך אפגעגעבען מיט איהר אייגענער פאמיליע. זי האט דערצויגען א העכסט ארטא־דאקסישע רעליגיעזע פאמיליע מיט וועלכע זי איז זעהר שטאלץ. די קינדער זיינען אלע ארטאדאקסיש געזאָגען. זי איז זעהר שטאלץ מיט איהר זוהן, דאקטאר איזראעל שולמאן, וועלכער איז א תלמיד פון דעם באוואוסטען רבי יעקב שייפער אין וואשינגטאן. אויך איז דר. שולמאן געווען פרינציפאל פון דער תלמוד תורה פון דער עדת ישראל שוהל.

מרס שולמאן איז אויך א מעמבער אין דער גרויסער טשאריטי אינסטיטוציע, די סיסטער אייד סוירקעל, אין וועלכע זי נעמט א גרוי־סען אינטערעס. זי איז אויך א מעמבער פון דער סלאבאדקער ישיבה. מען קאן זאגען אז זי נעמט אינטערעס אין אלע וואשינגטאנער אידישע אינסטיטוציעס.

מען מוז אויך באמערקען די גוטע ארבייט וואס זי טוט אין דעם הכנסת אורחים. זי באגנוגענט זיך ניט מיט דעם וואס א דורכפארער האט אפצועסען א מאלצייט אדער נעכטיגען א נאכט, זי האט אן אנדער געפיל צו זיי. עס זיינען טאקע דאָ אזעלכע וואס מען קאן זיי אָנרופען אידישע „האָבאָס", זיי ווילען אליין ניט מעהר ווי איבער־נעכטיגען א נאכט, אבער עס זיינען דאָ אזעלכע וואס פאַלען נעבאך אריין אין דער סביבה ניט ווילענדיג, די אומשטענדען האבען זיי גע־בראכט דערצו, און אזעלכע דערקענט מרס. שולמאן און גיט זיי אנ־

דערע הילף. זי האט פאר דער צייט אפגעשטעלט 7 יונגע לייט אין וואשינגטאן. איינינע זיינען געווען בחורים און האבען דאָ חתונה געהאט, זיינען זיי איצט שעהנע בעלי בתים אין וואשינגטאן און נעמען אליין אן אינטערעס אין צדקה אנשטאלטען.

די פרויען וועלכע העלפען איהר אין דער גוטער ארבייט זיינען: וויים-פרעזידענטען, מרס. מאקס דעניסאן, מרס. בעסי קארפעל, מרס. מענדעלסאן, מרס. עפשטיין; סעקרעטער, מרס. סערע הורוויץ; טרעזשורער, מרס. ראזענפעלד;

ועד הישיבות והמוסדות

דער ועד הישיבות והמוסדות האט זיך געגרינדעט מיט דעם צוועק צו זעהן אז די אלע געלטען וואס וואשינגטאנער אידען גיבען ארויס פאר ישיבות זאלען אנקומען צו די ישיבות, ווארום צו יעדער צייט געפינען זיך מענשעלעך וואס כאפען פיש אין מוטנע וואסער... עס האבען זיך גענומען ווייזען משולחים מיט נעמען פון ישיבות וואס מען האט קיין מאל פון זיי ניט געהערט. הרב ר׳ יהודא לייב לאָעב האט געזעהן די גרויסע אומרעכט וואס ווערט באגאנגען און האט געגרינדעט דעם ועד הישיבות והמוסדות.

דער באוואוסטער עסקן, מר. ירמיהו ווייטץ, וועלכער איז דער פרעזידענט פון די אגודת הקהלות, נעהמט זעהר א גרויסען אינטערעס אין חיזוק התורה והיהדות. ער איז דער יעניגער וואס האט גערינדעט די אמונה סאסיעטי, אויך די טהרת המשפחה סאסייעטי. עס איז כדאי זיך אביסעל צו באַקאַנען מעהר מיט מר. ירמיהו ווייטץ. ער איז געבארען געווארען ביי זעהר בכבוד׳יגע עלטערען וואו ער האט באקומען זעהר א שטריינג-רעליגיעזע ערציהונג. גאט האט איהם אויך געבענשט מיט א זיסער שטימע און ער קאן אויך גוט דעם טראַדיציאנעלען נוסח התפלה, דאוועגט ער אפט מאָל אלס א מתנה אין דער תפארת ישראל שוהל, וואו ער איז זעהר א טיכטיגער מעמבער. הרב ר׳ יהודא לייב לאָעב און מר. ירמיהו ווייטץ האבען גערופען דעם ערשטען מיטינג ביי מר. הימעלפארב אין הויז, און ביי דעם ערשטען מיטינג זיינען ערוועהלט געווארען פאלגענדע אפיסערם: הרב ר׳ יהושע קלעוואן, טשערמאן; מר. ירמיהו ווייטץ, וויים-טשערמאן; מר. פרץ הימעלפארב, טרעזשורער; מר. משה גארפינקעל, צווייטער טרעזשורער און הרב ר׳ יהודא לייב לאָעב, סעקרעטער. אלע משולחים וועלכע קומען פאר ישיבות קאָלעקטען געלט אין וואשינגטאן דארפען ברייננען זייערע קרעדענשעלם צו ראבֿיי לאעב.

די לײדים אוקזילערי פון דער סלאבאדקער ישיבה

דעם 22טען אויגוסט, 1933, האט זיך געגרינדעט די לײדים אוק־זילערי פון דער סלאבאדקער ישיבה מיט דעם צוועק צו העלפען דער סלאבאדקער ישיבה און אויך אנדערע ישיבות. הרב פארבער פון דער ישיבה איז געווען אין וואשינגטאן און האט זיך צונויפגערעדט מיט מר. אברהם שווארץ, וועלכער איז אליין געווען א ישיבה בחור און האט גוט געוואוסט די נויטווענדיגקייט פון העלפען א ישיבה. מר. שווארץ האט זיך דורכגערעדט מיט אייניגע פרויען און זיי האבען געגרינדעט א לײדים אוקזילערי. דער ערשטער מיטינג איז פאָרגע־קומען דעם 22טען אויגוסט, ביי מרס. הורוויץ אין הויז, 3214 עלפטע סטריט, נ. וו. די ערשטע אפיסערס, אין 1933, זיינען געווען: פרעזי־דענטין, מרס. הורוויץ, וועלכע איז נאך היינט פרעזידענטין; מר. אברהם שווארץ, דער גרינדער פון דער לײדיס אוקזילערי, סעקרעטער; און מרס. שווארץ, טרעזשורער, דעם אמט וואס זי האלט נאך אָן ביז היינטיגען טאג. מר. שווארץ האט באלד איבערגעגעבען דעם אפיס פון סעקרעטער צו א פרוי, מרס. בעקער־גאָרין. די דיום האבען זיי באשטימט א דאלאר א יאהר, און מיט די קליינע דיום האבען זיי שוין אויסגעהאלפען די ישיבות מיט שווערע טויזענטער דאלארס.

זיי האבען געגעבען 1000 דאלאר צו דער נר ישראל ישיבה אין באלטימאר. עס טראגט נאָר דעם נאמען „סלאבאדקער ישיבה“, ווייל אויף דעם איז געלייגט געווארען דער גרונד־שטיין, אבער דורך זייער השפעה און אונערמידליכער ארבייט ווערען געהאלפען פילע ישיבות. מען ווענדעט זיך צו זיי מיט הילפע פאר ארימע פאמיליעס און אויך זיי ווערען געהאלפען. זיי טוען זעהר גוטע ארבייט.

די אפיסערס פון יאהר 1941 זיינען פאלגענדע: מרס. דזשיי. הורוויץ, פרעזידענטין; מרס. א. מענדעלסאן, ערשטע וויים־פרעזידענ־טין; מרס. ב. קארפעל, צווייטע וויים־פרעזידענטין; מרס. ב. גאלד־בלאט, דריטע וויים־פרעזידענטין; מרס. סיידי אסטראוו, האנאראַרי וויים־פרעזידענטין; מרס. א. לואיסשטיין, האנאראַרי וויים־פרעזידענ־טין; מרס. א. שווארץ, טרעזשורער; מרס. ה. בעקער־גארין, רעקאר־דינג סעקרעטער; מרס. מאלי בערמאן, פינאנס סעקרעטער. די טשער־לײדי פון דער קאמיטע צו העלפען בויען די באלטימארער ישיבה איז מרס. סאלאמאן.

די היברו סיסטער אייד סוירקעל

אין יענער צייט וועז מרס. גאלדסמיט האט גענומען א גרויסען אינטערעס אין די נויטבאדירפטיגע האבען זיך שוין געפונען אין וואשינגטאן פילע פאמיליעס וואס האבען זיך שוין גוט איינגעארדענט מיט זייער לעבען.

זעהענדיג די נויטבאדירפטיגקייט פון אייניגע פאמיליעס וואס זיינען געקומען אין דעם גאלדענעם לאנד צו פארבעסערען זייער לאגע, און האבען ניט געפונען, האבען זיך צונויפגענומען אייניגע פרויען און האבען געגרינדעט די היברו סיסטער אייד סוירקעל. זייט דאן האט די אינסטיטוציע, ווי דאס גאנצע אידישע לעבען אין וואשינגטאן, דורכגעמאכט זעהר פיל. פון א קליינער אינסטיטוציע מיט באשרענקטע מיטלען, וואס זיי האבען זיך גענויטיגט אין דער ערשטער צייט, איז די אינסטיטוציע אויסגעוואקסען איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע, מיט די נאָבעלע הילף וואס זי גיט פילע פאמיליעס. מען קאן אויך זאגען אז די הילף ווערט געגעבען זעהר בסתר, אז קיינער ווייסט ניט ווי אזוי מען העלפט און וועמען מען העלפט. אזוי טוען זיי זייער נאָבעלע ארבייט פאר יאהרען און יאהרען.

מרס. רוט טשערנאוו איז עקס-פרעזידענטין און מרס. ליבע סיימאן, פרעזידענט.

דער פרויען פיאָנערען קלוב

דער פרויען פיאָנערען קלוב האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1925. די ערשטע פרעזידענטין איז געווען מרס. סאפיע פריליכאוו. זייער אויפגאבע איז צו העלפען די פרויען ארבייטער פון ארץ ישראל. זיי האבען שוין פאר די 16 יאהר איבערגעשיקט זעהר פיל געלט קיין ארץ ישראל. אויך איז זייער אויפגאבע צו לערנען די אידישע פרויען און יונגע מיידלעך אלע טראדיציעס פון דעם אידישען לעבען, די אידישע פרוי זאל זיין באוואוסטזיניג אין דעם אידישען לעבען מיט אלע אידישע טראדיציעס. זיי פייערען אלע אידישע ימים טובים און דערצו האלטען זיי א לעקטשור איבער יעדען יום טוב, אז די פרויען זאלען זיין באקאנט מיט דער אידישער היסטאריע פון דעם יום טוב און אויך אין דער אידישער קולטור. זיי האבען אויך אן עונג שבת. זיי ברייננגען אפטמאל באוואוסטע לעקטשורערס פון די פרויען פיאנערען און אויך פרויען געסט פון פאלעסטינע צו לערנען און צו באקענען דער פרוי

מיט דער אידישער קולטור און מיט דעם לעבען אין ארץ ישראל, וואס דאס איז זייער הייליגע אויפגאבע.

די אפיסערם פון 1941 זיינען: פרעזידענטין, מרס. מאניע טאַש; וויים-פרעזידענטין, מרס. סערע סיידעל; טרעזשורער, מרס. אסתר לאזאראוו; סעקרעטער מרס. רבקה בוגאטש; פינאנס סעקרעטער, מרס. ליובע קאפלאן; קארעספאנדיג סעקרעטער, מרס. איידע פעלד-מאן. איינע פון די טעטיגסטע טוערינס אין פיאָנערען קלוב איז מאר-טא אייבראמס.

א חוץ דעם אויבענגעשילדערטען פרויען פיאָנערען קלוב, בא-וואוסט אלס דער „אידיש-שפרעכענדער“, געפינען זיך אויך נאך צוויי ברענטשעס פון ענגליש-ריידענדע אידישע פרויען פיאָנערען. פון די טעטיגע טוערינס צווישען זיי זיינען מרס. מאלי הורוויץ און מרס. גארינשטיין. די ערשטע פרעזידענטין פון זייער קלוב איז געווען מרס. ראוז עטקין.

די פּועלי ציון

די היגע פועלי ציון באוועגונג האט זיך אנגעהויבען ווען דער וואשינגטאנער פועלי ציון פעראיין איז ארגאניזירט געווארען פון משה פריילכאָוו אין דעם יאהר 1906. דאס פארצייכענט דעם פאקט וואס די פועלי ציון, וועלכע האבען דאָ ווי איבעראל אזוי פיל אויפגעטאן פאר דער פארשטארקונג פון אידיש-נאציאנאלען באוואוסטזיין און פאר ארץ ישראל, האבען דאָ אין וואשינגטאן א רעקארד פון 35 יאהר טעטיגקייט. די פועלי ציון זיינען געווען די ערשטע וועלכע האבען מיט זייער אייגענעם ביישפיל געוויזען די וואשינגטאנער אידען צו געבען געלט פאר ישוב ארץ ישראל.

דער גרינדער פון דעם פועלי ציון פעראיין, משה פריילכאָוו, איז געווען דער ערשטער פאָרזיצער אין יאהר 1906 און דער ערשטער סעקרעטער פון יענעם יאהר איז געווען דער פיל-באוואוסטער היימאן גאלדמאן.

די איצטיגע בעאמטע פון יאהר 1941, זיינען: טשערמאן, דר. הערי שפיגעל, און סעקרעטער, דער פיל-באקאנטער זלמן הענקין.

אגודת ציון מזרחי

די וואשינגטאנער אגודת ציון מזרחי שפילט זעהר א באדייטענדע ראָלע אין דער מזרחי באוועגונג פון אמעריקא. צוויי פון די נאציאנאלע מזרחי קאָנווענשאנס זיינען אפגעהאלטען געווארען אין אמעריקא׳ס הויפט־שטאט, און זיי ווערען פאררעכענט צווישען די ערפאָלגרייכע און שעהנסטע קאָנווענשאנס.

אין 1926 איז אפגעהאלטען געווארען די קאָנווענשאן אין דעם דאמאלסט ניי־אויפגעבויטען אידישען קאָמיוניטי סענטער, און פרעזידענט קולידזש האט אויפגענומען די דעלעגאטען און האט זיך פא־טאגראפירט מיט זיי.

די יובל קאָנווענשאן איז אפגעהאלטען געווארען אין וואשינגטאן אין 1936, צו וועלכע פרעזידענט רוזוועלט האט צוגעשיקט צו חזן נאָוויק, אלס נאציאנאלען טשערמאן א וואונדערבארען מעסעדזש, וועלכען חזן נאָוויק האלט פאר אן אייביגען אנדענקען. אין וואשינג־טאן זיינען פאראן זעהר פיינע מזרחי ארגאניזאציעס: די מענער אגודה פון וועלכע מר. מארים גארפינקעל איז פרעזידענט; א פרויען מזרחי ארגאניזאציע, פון וועלכע מרס. אלעזר נאוויק איז די פרעזידענטין; און הפועל המזרחי גרופע, פון וועלכע מר. הערי קלעוואן איז פרע־זידענט.

צווישען די נאציאנאלע מזרחי ארגאניזאציעס פון אמעריקא פאר־נעהמט וואשינגטאנער קהלה א פראָמינענטען פלאץ. חזן נאָוויק איז געוועזען פיר טערמינען נאציאנאלער וויים־פרעזידענט און איז איצט א מיטגליד אין דער אדמיניסטראטיווער קאמיטע. די חברים מר. גארפינקעל און מר. ירמיהו וויייטץ, אלס מעמבערס פון דעם ועד הפועל, און רעוו. גאלדמאן אלס מעמבער פון ועד הראשי.

אין וואשינגטאן געפינט זיך אויך דער אפיס פון דעם סי־בארד ראיאן, פון וועלכען חזן נאָוויק איז פרעזידענט און מר. גארפינקעל טרעזשורער. דער מזרחי איז דער טרעגער פון דעם געטליכען וואָרט אויף דער אידישער גאס און דער פארשפרייטער פון דער אמת׳ער אידישער קולטור איבעראל וואו אידען וואוינען, און איבערהויפט אין ארץ ישראל. די מזרחי האט ארום זיך גרופירט די גרעסטע און איידעלסטע אידישע פערזענליכקייטען, די גרעסטע רבני׳שע אויטא־ריטעטען און קאָנסטרוקטיווע כחות אין אידענטום.

פערציג יאהר דערגרייכונגען
פון אידישען נאציאנאל-פאָנד

יעדער פראָבלעם וואס האט א שייכות מיט א פערציג-יעהריגער היסטאריע ווערט דערמאָנט אין דעם בוך, ווייל דער בוך טראגט דעם נאמען „פערציג יאהר היסטאריע פון וואשינגטאן“, מיט היסטארישע דערקלערונגען.

ווען א געזעלשאפטליכער אידעאל לעבט דורך פערציג יאהר, אויב מען זאל דאס שאצען לויט זיינע פסיכישע שאפונגען, איז דאס ניט אלט בלויז פערציג יאהר, נאָר אפשר צוויי מאל פערציג אין דעם סך-הכל פון ארבייט צו פארווירקליכען א נאציאנאלען חלום.

ווען מיר שטעלען זיך אפּ אויף דעם פערציג יאהריגען עלטער פונ׳ם נאציאנאל פאנד, דארפען מיר אויך דערמאָנען דעם אנדענק פון זיין אידייאישען איניציאטאר הערמאן שאפירא, וועלכער האט געהאַט דעם טיפען פארשטאנד צו באזארגען די באוועגונג מיט אַט דעם גרויסען ווירקזאמען בוי-אינסטרומענט.

ווען דר. הערצל ע״ה האט זיך ארומגעטראגען מיט זיינע בוי-פלענער פון א אידישער מדינה, און ער האט פאָרגעלייגט זיינע פלע-נער פאר די דייטשע מיליאנערען, און זיי האבען געזאגט אז זיי דארפען ניט ארץ ישראל, אז ביי זיי איז דייטשלאנד—ארץ ישראל, און בערלין איז ירושלים, האט פראפעסאר הערמאן שאפירא דערזעהן אין דעם אמת-טרויערדיגען פאקט די קורצזיכטיגקייט פון דעם אידי-שען פאָלק. דאן האט אויפגעבליצט ביי איהם אין געדאנק אן אידעע וואס האט איהם אונשטערבליך געמאכט—דאס איז געווען די אידעע פונ׳ם קרן קימת לישראל.

הערמאן שאפירא איז געווען א ליטווישער איד וואס האט אין זיין ערשטער יוגענד אין ישיבות געלערענט און דערגרייכט צו רבנות. אבער ער האט פון רבנות ניט געוואלט מאכען זיין קאריערע. ער האט זיך געווידמעט צו וועלטליכע בילדונג און האט דערגרייכט דעם ראַנג פון פראָפעסאר אין היידעלבערגער אוניווערזיטעט. די תורה וואס ער האט אין זיין יוגענד געלערענט האט איהם געהאלטען גע-קניפּט צו זיין פאלק און באוואויגען צו חלומ׳ען דעם חלום פון שיבת

ציון אויך דאן ווען ער איז ארויס פון די וועגט פונ'ם בית המדרש און איז אריין אין דעם היכל החכמה. איצט פייערט די גאנצע וועלט דעם פערציג יאהריגען עקזיסטענץ פון דעם נאציאנאל פאָנד, וועמעס הייליגער צוועק איז דער צוועק פון גאולת הארץ.

דער וואשינגטאנער קאונסיל פון דעם נאציאנאל פאָנד האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1910. דער קאונסיל איז צוזאמענגעשטעלט פון די פארטרעטער פון אלע ציוניסטישע שיכטען, וואס געפינען זיך אין וואשינגטאן און וועלכע אינטערעסירען זיך מיט ארץ ישראל אלס א נאציאנאלע היימלאנד פאר דעם אידישען פאָלק.

די אפיסערס פון דעם וואשינגטאנער קאונסיל פון דעם נאציאנאל פאָנד זיינען פאָלגענדע: פרעזידענט, הרב העררי סיגעל; וויס-פרע־זידענטען, מר. מאריס גארפינקעל, מר. בערנארד דאנזאנסקי און מר. סעמיועל הורוויץ; טרעזשורער, מר. דייוויד הערזמארק; און סעקרע־טער מרס. ציפורה קעלמאן.

די אידיש-נאציאנאלער ארבייטער פערבאנד

אין יאהר 1914 האבען די וואשינגטאנער פועלי ציון געגרינדעט דעם ברענטש פון דעם אידיש-נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, אונ־טער דעם נאמען ש. קאפלאנסקי ברענטש 98. דער ערשטער סעקרע־טער פון ברענטש, ווען ער האט זיך געגרינדעט, איז געווען סעם אלפער. דער איצטיגער סעקרעטער פון ברענטש, אין יאהר 1941, איז נייטען טאש. אין יאהר 1916 האט דער ברענטש פון דעם פאר־באנד צוזאמען מיט דעם פועלי ציון פעראיין געגרינדעט א נאציאנאלע ראדיקאלע שולע, וועלכע איז ליידער ניט אויסגעהאלטען געווארען.

אין דעם ברענטש זיינען אָנגעשלאסען א גרויסע צאהל נאציאנאל־באוואוסטזיניגע עלעמענטען וועמען די צילען און אויפגאבען פון פאר־באנד זיינען נאהענט און טייער.

דיסטריקט אָף קאלאמביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן מיט זיינע בראַנטשעס

די דיסטריקט אָף קאלאמביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן האט זיך געגרינדעט אין 1918. דער ערשטער פרעזידענט איז געווען מר. אברהם טאש; דער פרעזידענט פון 1941 איז מר. בערנארד פעסקין. די לאדזש האט איצט א מעמבערשיפּ פון אריבער 1000; פּארמאגט א קאפּיטאל פון 71 טויזענד דאלאר ($71,000) אין מזומן, א חוץ וואס ער גיט אלערליי בענעפיטען צו די מעמבערס.

עקזעקוטיוו באארד

די עקזעקוטיוו באארד באשטעהט פון 18 מעמבערס וואס ווערען עלעקטעט אויף א יאהר. די עקזעקוטיוו באארד איז די אויפפאסערין אויף דעם גאנצען לאדזש; אלע אויסגאבעס מוזען פריהער דורכגעזעהן ווערען ביי א באארד מיטינג; אלע רעזאלוציעס מוזען אויך דורכגעהן א באארד מיטינג. דער טשערמאן איז ברודער מאקסוועל אסטראוו.

רעליעף קאמיטע

די רעליעף קאמיטע באשטעהט פון 5 מעמבערס. איהר ארבייט איז צו העלפען א ברודער אין נויט. ביז 50 דאלאר האט דער טשער-מאן א רעכט באלד צו העלפען אָהן א מיטינג; א הילף פון העכער ווי 50 דאלאר מוז די רעליעף קאמיטע רעפּאָרטען צום רעגעלען מיטינג. דער טשערמאן איז מארים רובין.

דיסאביליטי קאמיטע

די דיסאביליטי קאמיטע דארף זעהן אז ווען מעמבער ווערט אלט און קען ניט צאהלען די דיוס, זאל די קאמיטע צאהלען פאר איהם כדי דער ברודער זאל ניט פארלירען זיין אינשורענס. דער טשערמאן איז ברודער זלמן בליינק.

די פרי לאאן קאמיטע

די פרי לאאן קאמיטע באשטעהט פון 5 מעמבערס. די ארבייט פון דער קאמיטע איז צו העלפען א ברודער ער זאל ניט דארפען אָנ-קומען צו רעליעף. ער קען לייהען ביז 200 דאלאר אָהן אינטערעס אויסצוצאהלען וועכענטליך וויפיל ער קען. ניט איין ברודער איז שוין געהאלפען געווארען דורך דעם פרי לאאן פאָנד. דער טשערמאן איז ברודער מארים גארפינקעל.

די סעמעטערי קאמיטע

די סעמעטערי קאמיטע באשטעהט פון 7 מעמבערס. די קאמיטע איז די אויפזעהערין אויף די איינגאמע און אויסגאבע פון דער סעמע-

טערי וואס פיהרט רעכענונגען אויף טויזענטער דאלאר. די קאמיטע דארף זעהן אז אלצדינג וואס באלאנגט צו דער סעמעטערי זאל זיין אין אָרדנונג. דער טשערמאן פון דער קאמיטע איז ברודער היימאן קאהען און די גבאים זיינען משה אלעקס און משה פליישמאן.

די אינוועסטמענט קאמיטע

די אינוועסטמענט קאמיטע באשטעהט פון דריי ריעל־עסטייט לייט וואס ווייסען גוט ווי אזוי צו אינוועסטען געלד. דער געזעץ זאגט אז מען קען נאָר אינוועסטען געלד אין ערשטע מארטגיידזשעס און אין גאווערנמענט באנדס. אויף דעם גיט שוין די קאמיטע גוט אכטונג אז דאס געלד זאל זיין זיכער. דער טשערמאן איז הערי פאָרעצקי.

סאָשעל קאמיטע

די סאָשעל קאמיטע באשטעהט פון 5 מעמבערס. די ארבייט פון דער קאמיטע איז צו באזארגען אז דער לאדזש זאל האבען עטליכע מאל אין יאהר א צוזאמענקונפט פון אלע שוועסטער און ברידער, ווארום דער לאדזש צעהלט אריבער 1000 מעמבערס כן ירבו, דארף די קאמיטע זעהן אז אלע זאלען זיך צוזאמענקומען עטליכע מאל אין יאהר. זי מאכט אמאל א רעפרעשמענט אדער זי ברייננגט אראפּ א רעדנער אדער א זינגער. דער טשערמאן פון דער קאמיטע איז ברודער מאקס גאָרין.

פרעזידענטען פון דעם דיסטריקט אָף קאלאמביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן

(זייט ער האט זיך געגרינדעט, פון 1918 ביז 1942)

אייזיק אפּעלשטיין ע״ה—1918
אברהם טאָש—1919
לאָיער ל. ס. גאטליב—1920
מארים דריבען—1921
דזשאזעף טעפּער—1922
אברהם טאָש—1923
לאָיער זוסמאן—1924-25-26
הערי קארעל ע״ה—1927
ברוך בריל—1928
מארים גארפינקעל—1929
(6 מאנאט)
לאָיער ל. ס. גאטליב—1929
(6 מאנאט)
מאקס גאָרין—1930
ישראל נאוויאזער—1931
איזידאר לעוואָין—1932
מארים פליישמאן—1933
הערי פארעצקי—1934
נייטען פלאטניק—1935
היימאן ראטנער—1936
מארים רובין—1937
היימאן קאָהען—1938
מאקס אָסטראָוו—1939
מארים ראדמאן—1940
בערנארד פעסקין—1941
אברהם יצחק ענגעל—1942

ארגא לאדזש, 413, א. א. ב. ב.

ארגא לאדזש נומער 413 בני ברית האט זיך געגרינדעט דעם 1טען מארטש, 1891, און ווען דער מחבר פון דעם בוך „פערציג יאהר אין וואשינגטאן אדער ווער איז ווער" איז געקומען מיט 40 יאהר צוריק אין וואשינגטאן, איז דער ארגא לאדזש נאך געווען גאר יונג, אין גאנצער ערשט 10 יאהר ווי ער האט זיך ארגאניזירט. דער ערשטער פרעזידענט איז געווען דזשארדזש מילטאן שטראסבורגער. די ערשטע גרינדער זיינען געווען בלויז די אלטע תושבים פון וואשינגטאנער דייטשע יאהודים. אונזערע ערשט-אריבערגעקומענע האבען ניט גע־קאנט באלאנגען מיט זיי, ווארום אין די ערשטע עמיגראציע יאהרען איז מען געווען זעהר פרעמד איינער צום צווייטען. זיי האבען זיך גארניט געקאנט פארשטעלען אז אריבערגעקומענע גרינע רוסישע, פוילישע, רומענישע עמיגראנטען וועלען זיין פעהיג צו ארגאניזאצ־יאנס ארבייט. זיי האבען פשוט פארשפארט די טירען פאר די ארי־בערגעקומענע עמיגראנטען.

האט זיך גראדע געגרינדעט, אין יאהר 1899, דער ערשטער אי־דישער לאדזש פון די עמיגראנטען אליין—דער דיסטריקט אָוו קא־לאמביא לאדזש פון דעם אינדעפענדענט ארדען ברית אברהם. דער שרייבער פון די שורות איז אריין אין לאדזש און אין 1903 זיינען שוין געווען 70 מעמבערס. איצט, אין 1941, זיינען שוין פאראן אריבער טויזענד (1000) מעמבערס כן ירבו. אין 1918 איז ער נאך געווען קליין אין מעמבערשיפ און ארים אין געלט, האט ער געקויפט פאר 500 דאלאר ליבערטי באנדס, און איצט, אין דער איצטיגער מלחמה, האט שוין דער לאדזש געקויפט פאר דרייצען טויזענד ($13,000)) דאלאר דעפענס באנדס.

די מעמבערס פון דעם ארגא לאדזש האבען דערזעהן די גוטע ארבייט פון די עמיגראנטען, ווי זיי גרינדען אלערליי צדקה אנשטאל־טען, האבען זיי געעפענט די טירען פון דעם ארגא לאדזש, און אלע אידען פון אלע לענדער זיינען געווארען איינס, און אלע אינאיינעם פיהלען דעם שרעקליכען וועהטאג און הערען זיך צו צו דעם אונער־טרעגליכען וועה-געשריי פון אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים. און אלע אינאיינעם זעהן ווי ווייט מעגליך צו העלפען צו פארגרינגערן זייער שרעקליכע לאגע.

די איצטיגע אפיסערס פון דעם ארגא לאדזש זיינען פאָלגענדע:

אלעקסאנדער שאפירא, פרעזידענט; דר. מארים א. גאלדבערג, וויס-פרעזידענט; מארים גארפינקעל, טרעזשורער; דייוויד ווינער, רעקארדינג סעקרעטער; מאָו אפענבערג, פינאנס סעקרעטער.

דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש

עס איז מערקווירדיג אז אין יעדער אידישער געמיינדע געפינען זיך בלויז עטליכע געצעהלטע מענשען וואס נעהמען אויף זיך די געזעלשאפטליכע אחריות און טוען אלע וויכטיגע וואהלטעטיגע ארבייט, ניט קימערענדיג זיך ווי שווער די אונטערנעמונגען זאלען ניט זיין. זיי טוען זייער ארבייט לטובת הכלל. דאס זעלבע איז אויך אין וואשינגטאן.

איינער פון די געצעהלטע יחידים איז אָהן צווייפעל דער באקאנטער עסקן בצרכי צבור, מר. בערנארד דאנזאנסקי.

אין 1914, ווען ער איז געווען אזוי שטארק פארנומען מיט דער גוואלדיגער שווערער אונטערנעמונג צו גרינדען דעם מושב זקנים, וואס ער האט אזוי סוקסעספול דורגעפיהרט אז טראץ אלע שטערונגען איז דער נאבעלער אנשטאלט אויסגעוואקסען אלס דער שטאלץ ניט נאָר פאר דעם וואשינגטאנער אידענטום נאָר כמעט פאר דעם גאנצען לאנד, האט ער אויך אין דער זעלבער צייט ארגאניזירט די דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש פון אינדעפענדענט אָרדער ברית שלום פון באלטימאר. א דאנק די שווערע ארבייט פון מר. דאנזאנסקי איז די דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש איינע פון די וויכטיגסטע ארגאניזאציעס אין וואשינגטאן. דער אָרדער האט אנערקענט די גוטע ארבייט פון מר. דאנזאנסקי און האט איהם צום צווייטען מאל ערוועהלט אלס גרענד מייסטער פון אָרדער ברית שלום. דער אָרדער האט געמאכט גרויס פאָרשריט אונטער זיין אדמיניסטראציע.

די איצטיגע אפיסערס פון דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש זיינען: פרעזידענט, טש. גאלדבערג; וויס-פרעזידענט, דייוויד לאזאראוו; פינאנס סעקרעטער, הערי לאנד; רעקארדינג סעקרעטער, אייזיק קארצינעל; טרעזשורער, ראלף וואלעס. מר. מילטאן לאַיענסאן, דיסטריקט דעפיוטי גרענד מייסטער; היימאן דונאער, סאל האפמאן, בען היימאן, סעמיועל ראזענפעלד, היימאן קלעוואנס און חזן וואלף טאַש, מעמבערס פון גרענד לאדזש עקזעקוטיוו באארד.

הלוואי וואלטען זיך געפונען נאך א סך אזעלכע מענשען ווי מר. דאנזאנסקי אין יעדער שטאט. דאס געזעלשאפטליכע לעבען וואלט פיל געוואונען.

איך ווינש איהם אריכת ימים; ער זאל אָנגעהן מיט זיין גוטער ארבייט אין גאנצען פאר כלל ישראל.

דער ארבייטער רינג ברענטש 92

דער לעצטער „מאָהיקאנער" וואס איז פארבליבען פון די ערשטע 17 מעמבערס וואס האבען געגרינדעט דעם ברענטש 92 א. ר. איז מר. סעמיועל קרייזעל. אין 1904 האָבען זיך צונויפגענומען 17 ארבייטער און האבען געגרינדעט דעם ברענטש 92. דער ערשטער מיטינג איז פאָרגעקומען אין 1028 7טע סטריט, נ. וו., ביים מחבר פון דעם בוך אין הויז. צום צווייטען מיטינג זיינען שוין צוגעקומען נאך איינינע צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער אלטער פיאָנער, מאקס דעניסאן, וועלכער געפינט זיך נאך איצט מיט זיי, און אזוי זיינען יעדען מיטינג צוגעקומען נאך און נאך מעמבערס כן ירבו. מען קאן זאָגען אז דער ברענטש 92 איז איצט גרויס אין מעמבערשיפּ און פארנעמט זעהר א גרויסען אָרט אין דעם וואשינגטאנער אידישען געזעלשאפטליכען לעבען.

סעמיועל קרייזעל

דאנקבארקייט איז זעהר א שעהנע אידישע מידה, און דער מחבר פון דעם בוך איז זעהר דאנקבאר דעם פריינד מר. סעמיועל קרייזעל. ער איז געווען דער יעניגער וואס האט מיר נאך אין דער אלטער היים ארייננעגעבען דעם געדאנק צו פאהרען קיין אמעריקא, אין 1899, און אין 1900 בין איך שוין געווען אין אמעריקא.

איך בין איהם זעהר דאנקבאר; איך פיל זיך גליקליך וואס אין די לעצטע יאהרען פון מיין לעבען געפין איך זיך אין דעם טייערען לאנד אמעריקא, און איך זעה ארום מיר אלע מיינע קינדערלעך. מיט פרייד אין הארצען און מיט טרערען אין די אויגען דאנק איך גאט אלע טאג און אויך מיין פריינד סעמיועל קרייזעל פאר דעם טייערען געדאנק צו פאהרען קיין אמעריקא. ווער ווייסט וואו איך מיט מיין פאמיליע וואלטען איצט געווען? . . .

ראדאמער פעראיין

דער ראדאָמער פעראיין האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1908. די ערשטע בעאמטע זיינען געווען: מאיר שווארץ ע"ה, פרעזידענט; מר. שבח פרידמאן, וויס-פרעזידענט. זייער ערשטע אויפגאבע איז געווען דאס זעלבע ווי פון אלע לאנדסמאנשאפטען אין אמעריקא, צו זיין ניט עלענד, צו קאנען זיך זעהן איינער מיט דעם צווייטען און צו זיין פריינד איינער מיט דעם צווייטען, סיי אין ליידען סיי אין פריידען.

נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען א סך פוילישע שטעט און שטעטליך זיינען חרוב געווארען, און ראדאם אויך צווישען זיי, האבען זיי זיך פאראייניגט צו העלפען די אלטע היים און זיי פלעגען שיקען גאר א סך הילף אהין, ביז היטלער ימח שמו וזכרו האט אלעס צובראכען. דאס האט זייער הילף פאָרלויפיג אפגעשטעלט, אבער מען האפט צו גאט אז היטלער וועט די כפרה ווערען, וועלען זיי ווייטער קאנען העלפען זייער אלטע היים.

די איצטיגע בעאמטע זיינען: שבח פרידמאן, פרעזידענט; שבח פריעד, וויס-פרעזידענט; און מאקס פרידמאן, סעקרעטער.

קוירנעל אברהם גינזבורג

שרייבענדיג דעם בוך „פערציג יאהר אין וואשינגטאן אדער ווער איז ווער", האב איך אין זינען געהאט אז דאס זאל בלייבען א היסטאָרישער בוך, אז די קומענדע דורות, לעזענדיג דעם בוך וועלען זעהן אז אין אלע צייטען און אין אלע לענדער האבען זיך געפונען העלדישע אידען וועלכע זיינען פאטריאטיש און איבערגעבען די לענדער אין וועלכע זיי זיינען דערוויילינע שכנים.

אין דער גרויסער שרעקליכער צווייטער וועלט-מלחמה, אין די יאהרען 1941-1942, האבען די אידען אויך פארגאסען זייער בלוט פאר דעם הייליגען פרינציפ פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. מיר אידען האבען ניט פארלארען דעם גלויבען אין מענשליכער גערעכטיגקייט און מיר לעבען מיט דער גרויסער האפנונג אז

דער פינסטערער בארבאריזם פון דעם שרעקליכען מאניאק היטלער ימח שמו וועט סוף כל סוף באזיגט ווערען.

אידען אין אמעריקא האבען פארנומען אפטמאל גאר הויכע פאָזיציעס אין דעם אמעריקאנער פלאַט און אויך אין דער אמעריקאנער ארמיי. עס איז איינע פון די גאר אינטערעסאנטע ערשיינונגען וואס די היגע אידען האבען פארנומען און פארנעמען נאך היינטיגען טאג, לויט זייער פראפארציע, א פיל גרעסערע פאָזיציע, סיי אין דער ארמיי און סיי אין דער מארין, ווי אירגענד אנאנדער איינגעוואנדערטער נאציאנאליטעט, אבער די געשיכטע מיט קוירנעל אברהם גינזבורג פארנעמט א גאנץ באזונדער ארט און א סימבאָלישען באדייט. ווער איז אָט דער איד וואס פארנעמט אזא וויכטיגען אָרט אין דעם אמעריקאנער גענעראל-שטאַב? ער איז א געבוירענער אין ווארשע, אין דער שטאט וואו עס געפינט זיך היינטיגען טאג איינע פון די שרעקליכסטע געטאס, וואו טויזענטער אידען קומען אום פון הונגער, עפּידעמישע קראנקהייטען און נאצישע אינקוויזיציעס, און גראדע א ווארשאווער אידישער יונגערמאן האט געקראגען די מעגליכקייט צו ווערען דערהויבען און נעהמען א וויכטיגען אנטייל אין דעם קריג.

קוירנעל גינזבורג איז דערהויבען געווארען צו זיין אמט נאָר א דאנק זיין אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען וואס די נאטור האט איהם באשאנקען און וואס ער האט אויך גע'ירש'ענט פון זיין פאלק. ער האט זיך געשאפען א רעפּוטאציע אלס עקספערט איבער מיליטערישע ענינים. ער האט אנגעהויבען זיין מיליטערישע קאריערע נאך אין דעם ערשטען וועלט-קריג און ער איז פארבונדען אין פארלויף פון פילע יאהרען מיט אונזער קריגס-מיניסטעריום אין וואשינגטאן.

איז אָט דער אידישער קוירנעל גינזבורג, איינער פון א גאנצער גאלעריי פון אידען, איינגעוואנדערטע און הי-געבארענע, וואס גיבען אוועק אלע זייערע פעהיגקייטען פאר דער פרייהייט און זיכערקייט פון אמעריקא; דאס זיינען אידען פון דעם טיפּ וואס זיינען א געווינס פאר אמעריקא און א שטאלץ פאר דעם אידישען פאָלק.

דזשערי מינץ

בראנקסער אידישער העלד פון פוירל הארבאר,
דעם 7טען דעצעמבער, 1941

ערשט אין זעקס חדשים ארום וועט דזשערי מינץ, פון 254 איסט 174טע סטריט, אין נויארק, דערגרייכען דעם צארטען עלטער פון צוואנציג יאהר, דאך האט ער אין דער אטאקע אויף פוירל הארבאר שוין באוויזען וואס אייגענטליך די נאצים און זייערע סימפאטיקער קאנען דערווארטען פון דער אמעריקאנער אידישער יוגענט אין די טעג פון דין וחשבון פאר היטלער'ס אלע בעסטיאלישע רציחות.



דזשערי מינץ

כדי דער לעזער זאל ניט דיינקען אז דאס איז א מליצה, ווע־לען מיר אנהויבען מיט אן אויס־צוג פון א בריף וואס בריגאדיער גענעראל דייווידסאן האט צוגע־שיקט צו מינצ'ן א פאר טעג נאך דעם אומערווארטעטען יאפאנע־זישען אָנפאל. „פאר א'יער אויסגעצייכענטער אויפפירונג", שרייבט דער גענעראל, „און פאר דער אויסערגעוועהנליכער העלדישקייט וואס איהר האט ארויסגעוויזען אונטער באָמבעס און מאשין ביקסען, פארזיכער איך אייך אז עס איז א פארגע־ניגען און א כבוד אייך צו דער־הויבען פאר אייער העלדישער און מוטיגער האנדלונג אונטערן שונא'ס פייער."

ווינשען מיר אז היטלער און זיינע גזלנים זאלען זיך ווי עס

איז דערוויסען וועגען אַט דעם בראָנקסער בחור'ל, וועגען דעם וואס אן אמעריקאנער גענעראל האט געהאט צו זאגען וועגען זיין אויפפי־רען זיך אין דער ערשטער שלאכט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מעגליך אז לייענענדיג וועגען דעם דאָזיגען פאַל וועלען זיי זיך דער־מאָנען אָן די אמאליגע מאקאבייער; מעגליך אז זייער שלאָף וועט געשטערט ווערען פון קאָשמארען, וועגען דער אומפארמיידליכער אידישער נקמה וואס מוז קומען פאר אלע זייערע טייפעלשע מעשים. מיט וואס זשע דאַך האט זיך אונזער דזשערי, אונזער אלעמענס דזשערי, מיט וועמען מיר האבען א רעכט אלס פאָלק צו שטאלצירען, מיט וואס אייגענטליך האט ער זיך אזוי אויסגעצייכענט אין יענעם פרימארגען וואס די וועלט וועט קיינמאל ניט פארגעסען?

דזשערי, דארפט איהר וויסען, איז א בריה אויף צוויי פאכען: ער איז אן אויסגעצייכענטער פולעמיאטשיק (ביקס־שיסער) און אן ערשטע־קלאסיגער ראדיא־איסט. ביידע מלאכות האט ער זיך אויס־געלערענט ביי אנקעל סעמ'ן; אזוי גרינדליך אויסגעלערענט, אז נישט קוקענדיג אויף זיין יוגענט, איז ער נאך פאר'ן קריג פאררעכענט גע־ווארען אלס עקספערט. דעם טאג פונ'ם אָנפאל. אויף פוירל הארבאר איז מינץ ניט אפגעטראטען פון זיין פאָסטען ביז דער לעצטער יאפא־נעזישער באָמבער איז פארשוואונדען אויפ'ן האריזאנט. א דאנק דער געלאסענקייט פון אָט דעם אידישען אינגעל איז געלונגען די ראדיא־סטאנציע צו ראטעווען. אויף אזא אופן זיינען פארמידען גע־ווארען גרעסערע פארלוסטען ווען די יאפאנעזער וואלטען צושמע־טערט די ראדיא־סטאנציע. דערהויפט דארף מען אין זינען האבען אז מען האט דאָ צו טאן מיט א ניינצען־יאהריג אינגעל. מיר אידען מעגען זיין שטאלץ מיט אזעלכע יונגע העלדען.

ציון פיהרער מנחם מענדיל אוסישקין

געשטארבען אין ירושלים צו 78 יאהר
דעם 2טען אקטאבער, 1941

אינ׳ם טויט פון מנחם מענדיל אוסישקין האט די ציוניסטישע באוועגונג פארלארען איינעם פון די שטארקסטע און פעסטסטע זיילען.

מנחם מענדיל אוסישקין איז געבארען געווארען אין דובראָוונע, רוסלאנד, אין יאהר 1863. ער האט שטודירט אין מאסקווא, וואו ער האט אין 1898 געענדיגט אלס אינזשינער. ער האט זיך פארבונדען מיט דער ציוניסטישער באוועגונג ווען ער איז נאך געווען א סטודענט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ביל״ו באוועגונג און האט ארגאניזירט פילע סטודענטישע ציוניסטישע קרייזען. אין 1890 האט ער ארגאניזירט דעם אדעסער קאמיטעט, וועלכער האט גענומען פראקטישע שריט צו פארווירקליכען די אידעאלען פון דער חובבי-ציון באוועגונג דורך קאלאניזירען אידען אין ארץ ישראל.

דעם גרעסטען טייל פון די 78 יאהר וואס אוסישקין האט געלעבט האט ער אוועקגעגעבען דער ארבייט פאר׳ן אידישען פאָלק, גלויבענדיג מיט׳ן גאנצען הארצען אז זיין וועג אין דער ריכטיגער, און ווייל זיין גלויבען אין דעם איז געווען אזוי שטארק, האט ער זיך ניט געקאנט בויגען פאר דעם ווילען פון אנדערע. ער האט געהאט א נאמען פון איינעם וואס ווייס ניט און וויל ניט וויסען פון קאמפראמיסען.

ער איז אין דער ציוניסטישער באוועגונג געווען דער עקשן, דער גרויסער עקשן, וואס האלט זיך פעסט ביי זיינע איבערצייגונגען, און וואס פארלירט ניט דעם מוט אפילו דאן ווען די לאגע איז א קריטישע.

זיין גלויבען אין דעם אידעאל וועלכען ער האט אוועקגעגעבען די בעסטע יאהרען פון זיין לעבען און זיינע גרויסע פעהיגקייטען, האבען געמוזט ארויסרופען אכטונג אפילו ביי די וואס האבען באקעמפט די פארטייי אין וועלכער ער איז געווען טעטיג אלע זיינע יאהרען.

עס איז אוועק א איד וואס האט זיך שטאָלץ אריינגעשריבען אין דער אידישער געשיכטע פון אונזער דור.

ת׳נ׳צ׳ב׳ה.

ריכטער לואיס ד. בראנדייס

איינער פון די ליכטיגסטע פערזענליכקייטען אין דער אמעריקאנער יוריספרודענץ, פאָלקס-פארטיידיגער און מיטבויער פון אידישען היימלאנד. געשטארבען דעם 5טען אקטאבער, 1941.

מיט דעם טויט פון דזשאָסטיס לואיס ד. בראנדייס האט אמעריקא פארלוירען איינעם פון איהרע וויכטיגסטע גייסטער, איינעם וואס מיט זיין גאנץ לעבען און מיט יעדער פאזע פון זיין רייכער פיל-פאר-ביגער טעטיגקייט פארקערפערט די שעהנסטע טראדיציעס פון אמע-ריקא, די העכסטע אידעאלען פון אמעריקאנער פרייהייט און דע-מאקראטיע וואס בילדען די זיילען אויף וועלכע אונזער רעפובליק האלט זיך און קאן האבען א קיום.

פאר אונז אידען איז דער פארלוסט דאָפּעלט גרויס, ווייל לואיס ד. בראנדייס איז ניט נאָר געווען א גרויסער אמעריקאנער, נאָר אויך איינער פון די געטרייסטע אידישע זיהן וואס דער אמעריקאנער אי-דענטום האט ארויסגעגעבען. מיט דעם טויט פון לואיס בראנדייס איז ארונטער פון דער סצענע א גרויסער אמעריקאנער, א גרויסער ליבעראל, א ווארימער איד און א שעהנע ריינע פערזענליכקייט.

די בראנדייס משפחה שטאמט פון נעבען פראג. זי האט ארויס-געגעבען רבנים גדולי תורה, שתדלנים מיט איינפלוס אין קייזערליכען הויף, און ציהט איהר יחוס ביז'ן מהר"ל הקדוש. אין יאהר 1848 האבען פערציג אידישע משפחות נעבען פראג באשלאסען צו עמיג-רירען קיין אמעריקא. זיי האבען דאמאלסט אויסגעקליבען א יונגען ווייץ סוחר פון דער מיוחס'דיגער בראנדייס משפחה און איהם געשיקט „אויסצוקוקען דאס לאנד און זעהן צו קאנען אידען זיך באזעצען אויף לאנד און נהנה זיין פון זייער מיה." אדאלף בראנדייס, דעם ריכטער'ס פאטער איז געפארען און האט צוריקגעשריבען אז די ערד איז פרוכט-באר און זאפטיג און איהר גערעטעניש איז גרויס, אבער זי איז אויך פאר'עקשנ'טע ערד און עס איז שווער פאר ניט דערפארענע ערד אר-בייטער זיך צו באזעצען און ווידמען צו ערד ארבייט. ער האט דער-פאר געראטען אז די פערציג משפחות זאלען אריבערקומען קיין אמע-ריקא און זיך פארנעמען מיט מסחר. צווישען די אריבערגעקומענע איז אויך געווען פרעדעריקא דעמביץ, אדאלף בראנדיינס'עס כלה. זיי האבען חתונה געהאט און זיך באזעצט אין לואיזוויל, קענטאקי, וואו זיי האבען געהאט פיר קינדער. לואיס בראנדייס איז געבארען

געווארען דעם 13טען נאוועמבער, 1856. דער ד. אין בראנדייס'עס נאמען באדייט דעמביין, אלס דרך ארץ און ליבע צו דער מאמען. בראנ־דייס האט יונגערהייט ארויסגעוויזען אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, ער האט אלץ געשטיגען העכער און העכער, ביז אין 1916 איז ער נאמינירט געווארען אלס ריכטער פון יונייטעד סטייטס סופרים קאָורט, וואו ער האט אפגעדינט 23 יאהר אלס ריכטער פונ'ם העכסטען געריכט אין לאנד.

בראנדייס איז פארבליבען ביז דעם לעצטען באוואוסטזיניגען מאָמענט פון זיין לעבען א טיפער מאמין אין א ליכטיגער אידישער צוקונפט אין ארץ ישראל.

בראנדייס האט אבער ניט אפגעלייקענט די וויכטיגקייט פון דער גלות־ארבייט. זיין כוונה איז געווען אז יעדער לאנד האט איהר פּראָבלעם און וועט זי לייזען אויף איהר אופן. בראנדייס גרויסע פאר־דינסטען אלס איד וועלען פארצייכענט ווערען לדור דורות. עס איז אבער שוין איצט קלאָר אז פאר זיינע באוואוסטע פארדינסטען האט ער עהרליך פארדינט דעם נאמען חד בדורו.

עהרע זיין אנדענקען!

* * *

הסתדרות הציונית של ארצות הברית

די אלגעמיינע ציוניסטען פון אמעריקא

ריכטער לואיס ד. בראנדייס דיסטריקט פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקא, האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1916, ווען דער ריכטער לואיס ד. בראנדייס האט פארנומען זיין אמט אלס ריכטער פון יונייטעד סטייטס סופרים קאורט.

דער איצטיגער פרעזידענט איז ראבאי איזידאר ברעסלא.

וויים־פרעזידענטען: בערנארד דאנזאנסקי, אהרן לעוויטאס, טאביאס נאפטאלען און מרס. דזשאן מ. סאפער; רעקארדינג סעקרע־טאר, פיליפ היימאן; טרעזשורער, טשארלס ל. פילזנער; עקזעקוטיוו סעקרעטאר, מרס. מאיער ר. בערענשטיין; לואיס גראסבערג, אטוירני און אָדיטאר.

דער בארימטער פרומער פראפעסאר נייטען אייזיקס

פון הארווארד אוניווערזיטעט

געשטארבען דעצעמבער 1941, אין באסטאן

פראפעסאר נייטען אייזיקס איז פאר די לעצטע 17 יאהר געווען איינער פון די הויפט-פראָפעסארען פון האנדעלס געזעצען אין דער גראדואירונג סקול פון הארווארד אוניווערזיטעט. ער איז געבאָרען געווארען אין סינסינעטי אין יאהר 1886. ער איז בלויז אלט געווען 55 יאהר ווען ער איז געשטארבען.

פראפעסאר אייזיקס איז אן אייניקעל פון ר' שכנא אייזיקס, וועל־כער האט געהאט צוויי זיהן, משה און אברהם. נייטען אייזיקס איז געווען דער עלטסטער פון 7 קינדער וואס אברהם האט געהאט, זעקס זיהן און איין טאכטער. יעדער איינער פון אברהם'ס קינדער איז פראָמינענט אויף זיין געביט. דער פארשטארבענער נייטען אייזיקס איז געווען פאררעכענט אלס דאס שיינדעל פון דער משפחה, זיינע ברידער פלעגען זיך יחוס'ען מיט איהם. אויסער דער אידישער ער־ציהונג וואס ער האט געקראגען אין זיין פריהעסטער יוגענד, אין תנ"ך און תלמוד, האט ער צו דער עלטער פון 21 יאהר געענדיגט קאלעדזש. זייענדיג פון דער נאטור א מתמיד, א לערנער, האט ער אָנגעהאלטען זיין שטודיום ביז וואנען ער האט געקראגען א מאסטער דעגרי און נאכדעם דעם טיטעל דאקטאר פילאזאף. ער האט אויך צו 24 יאהר גראדואירט אלס לאָיער, און טאקע אין דעם זעלבען יאהר ווערט ער אויפגענומען אין דער באַר אסאסיאיישאן. שפעטער מיט 2 יאהר ווערט ער פראפעסאר פון לאָא אין דעם אוניווערזיטעט פון סינסינעטי. אזוי איז ער געווען זיי גאנץ לעבען פראָפעסאר אין פארשיידענע אוני־ווערזיטעטען. טראץ דעם וואס ער איז געווען א פארנומענער מענש אלס פראפעסאר, איז ער אויך געווען א ווארימער טוער אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. ער איז אויך געווען פרעזידענט פון דער באסטאנער „ביורא אָוו דזשואיש עדיוקיישאן" וועלכע האט אויפזיכט איבער די תלמוד-תורה'ס אין שטאט און איבער דעם באסטאנער „היברו קאלעדזש", וועלכער איז איינער פון די וויכטיגסטע אידישע קאלעדזשעס אין לאנד און וועמעס דעגרים ווערען אנערקענט אין דער סטייט רעגירונג.

פראָפעסאר נייטען אייזיקס פלעגט אויך נעהמען אן אינטערעס אין אידישע צדקה אנשטאלטען. ער איז געווען זעהר פראקטיש אין

אזעלכע ענינים ווי אויפהאלטען אידישע אינסטיטוציעס. ער איז געווען פאראינטערעסירט אין דעם גורל פון יעדער אידישער אינסטיטוציע, פונקט ווי אין דעם גורל פון יעדען אידען.

שרייבענדיג דעם נעקראלאג וועגען פראפעסאר נייטען אייזיקס וויל איך זיך אויסדריקען מיט די ווערטער פון תלמוד: „חבל על דאבדין ולא משתכחין.

ת'נ'צ'ב'ה'.

פנחס רוטענבערג

רעוואלוציאנער און בויער פון ארץ ישראל
געשטארבען שבת, י"ד טבת, פרשה שמות, תש"ב

פנחס רוטענבערג, איינער פון די באליבטעסטע פיגורען ביים ישוב, און איינער פון די וויכטיגסטע פערזענליכקייטען אין דער ציוניסטישער באוועגונג, איז געשטארבען אין עלטער פון 70 יאהר. זיין טויט האט ארויסגערופען גרויס צער ביים גאנצען ישוב.

פנחס רוטענבערג, וועלכער איז געבארען געווארען אין יאהר 1872 אין ראמני, פאלטאווער גובערניע, האט אין 70 יאהר דורכגעמאכט עטליכע שטורמישע קאריערעס. ער איז אין צארסקען רוסלאנד געווען איינער פון די אקטיווסטע סאציאליסטען-רעוואלוציאנערען. אין יאהר 1905 האט ער מיט'ן גלח גאפאָן געפיהרט די בארימטע דעמאנסטראציע צום צאר'ס פאלאץ. די דעמאנסטראציע איז מצד דעם צאר'ס סאלדאטען פארוואנדעלט געווארען אין א בלוטיגען פאָגראם אויף די אומבאוואפענטע דעמאנסטראנטען, און יענער טאג איז אריין אין דער געשיכטע אלס „דער בלוטיגער זונטאג". שפעטער, אז עס האט זיך ארויסגעוויזען אז דער גלח גאפאָן איז געווען א פּראָוואָקאטאר, האט פנחס רוטענבערג, אין 1906, ארגאניזירט דעם אטענטאט אויפ'ן גלח. גלייך נאכדעם איז ער אנטלאפען קיין איטאליע, וואו ער האט זיך אפגעגעבען מיט זיין פאך אלס אינזשינער. דארט טאקע האט ער זיך ספּעציאליזירט אלס אינזשינער פון וואסער-לייטונג. שפעטער איז ער אוועקגעפארען קיין ארץ ישראל וואו ער האט אָנגעהויבען ארבייטען אויף זיין פלאן צו באזארגען דאס לאנד מיט עלעקטרישע קראפט און ליכט פון ירדן.

דער טויט פון פנחס רוטענבערג איז א גרויסער קלאפּ פאר דעם אידישען פאלק און פאר דער ציוניסטישער באוועגונג. מיט דעם טויט

פון פנחס רוטענבערג איז אויסגעלאשען געווארען דאס לעבען פון א שטארקער אידישער פערזענליכקייט, וואס האט דעם ישוב געגעבען ניט נאָר פיזישע ליכט נאָר אויך ליכט און קראפט אין די צייטען ווען שווערע וואָלקענס פון קריזיס האבען זיך געדוקט אויף דעם יונגען ישוב אין דעם אלטען אידישען היימלאנד.

פנחס רוטענבערג האט אוועקגעגעבען פיל כח אין קאמף געגען דעם „ווייסען פאפיר". ציוניסטען אין אמעריקא וועלען רוטענבערגען באזונדערס געדיינקען אלס איינעם פון די בויער פון דעם אידישען קאָנגרעס אין אמעריקא. זיין קאמף פאר דער דעמאקראטישער אי־דישער אינסטיטוציע אין די פאראייניגטע שטאטען וועט בלייבען אויף אייביג אין זכרן. ת'נ'צ'ב'ה'.

חבל על דאבדין ולא משתכחין

ר' נחום זלמן ב"ר דוד הכהן זארין ע"ה

שבת קודש, י"ג שבט, תש"ב, דעם 31טען יאנואר, 1942, איז גע־שטארבען ר' נחום זלמן ב"ר דוד הכהן זארין.

נחום זלמן זארין איז געבארען געווארען מיט 74 יאהר צוריק אין יאהר 1869, אין אוקראַינע, אין יעליסאוועטגראד, כערסאנער גו־בערניע, רוסלאנד. זיין פאטער, ר' דוד זארין, האט אליין דורכגעלעבט א שטיק אידישע היסטאריע אין זיין לעבען. אין די יאהרען 1828-1829, ווען ניקאלאַי דער ערשטער האט געוואלט מאכען אידען פאר ערד ארבייטער, האט ער אוועקגעגעבען אייניגע שטיקער לאנד ארום אדעסער געגענד צו בויען אידישע קאלאניעס, און אין איינע פון די קאלאניעס, די קאלאניע יאזער, איז דער פאטער, ר' דוד הכהן געבא־רען געווארען אין יאהר 1838. וואקסענדיג אין דער קאלאניע האט עם איהם געצויגען צו דעם שטאטישען לעבען, האט ער חתונה געהאט און זיך איבערגעצויגען קיין יעליסאוועטגראד, און אין יעליסאוועט־גראד זיינען געבארען געווארען די דריי זיהן, יאסעל, נחום זלמן און יעקב (דזשייק) זארין. אין 1900 איז נחום זלמן געפארען קיין אמע־ריקא און האט אין וואשינגטאן געמאכט זיין היים, ווייל דער אינגע־רער ברודער איז שוין געווען אין וואשינגטאן. די ערשטע יאהרען האט ער דורכגעמאכט זעהר שווער, אזוי ווי אלע אימיגראנטען מאכען דורך, דערצו האט ער געדארפט דערציהען א פאמיליע פון צעהן קליינע קינדער. אבער אין 1929, אין די גוטע יאהרען האט ער גע־פרואווט מזל און האט זיך גענומען צו ריעל עסטייט און האט געטרא־

פען. עס איז איהם אוועקגעגאנגען זעהר גוט. ער האט חתונה גע־מאכט אלע זיינע צען קינדער און אלע קינדער וואוינען אין וואשינג־טין און ער האט געהאט פון אלע קינדער גרויסע נחת.

אין 1907 האבען ביידע ברידער, נחום זלמן און דזשייק זארין, אריבערגענומען זייערע אלטע עלטערען, ר׳ דוד און רייזע זארין, און זיי האבען אויסגעלעבט זייערע יאהרען אין וואשינגטאן. זיי זיינען שוין ביידע אויפ׳ן עולם האמת.

נחום זלמן זארין איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם יעלי־סאוועטגראדער פעראיין אין 1907. ער איז אויך געווען א מעמבער אין דעם דיסטריקט אָוו קאלאמביא לאדזש פון 1905. ער איז אויך געווען א טיכטיגער מעמבער אין בית־שלום שוהל, און איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדערס. ער האט זיך געלאזט קאסטען פיל פאר דער שוהל. ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳.

אידישע סאלדאטען וועלכע האבען אפגעגעבען זייערע לעבענס פאר אמעריקא

די ערשטע אידישע געפאלענע אין פוירל־הארבאָר און אין די פיליפין אינזלען.—א רב׳ס א זוהן צווישען זיי

די צאהל פון געפאלענע אידישע סאלדאטען אין פוירל־הארבאר און אין די פיליפין אינזלען איז נאך ניט אין גאנצען באקאנט. דער־ווייל וועלען מיר איבערגעבען די ערשטע דריי נעמען: איינער, דזשאן טשערנאק, דער זוהן פון א סינסינעטער רב; דער צווייטער, איירא דזשעפרי, א פלאָטען אפיציר פון מינעאפאלים, מינעסאטא; דער דריי־טער, דזשוליאן ראסניק, א פלאָטען ראדיא אינזשינער פון נויארק.

דזשאן טשערנאק איז געווען א ראדיא ארבייטער, דריטע קלאס, אויף איינער פון די שיפען אין דעם פאסיפישען ים. ביז מיט א קור־צער צייט צוריק איז ער געווען א מענעדזשער פון א סטאר אין סינ־סינעטי, דאן איז ער אוועק קיין לאָס אנדזשעלעס און האט זיך אָנגע־שלאסען אין דער נייווי. זיין פאטער איז רב אין דער בית־תפילה קאָנגרעגיישאן אין סינסינעטי.

איירא דזשעפרי איז אריין אין דער נייווי אין אוגוסט, 1940, נאך א רייזע אויף א קריגס־שיף ארום קיובא, האט ער שטודירט אין דער

פלאַטען שולע פון דעם נאָרטאיסטערן אוניווערזיטעט. לעצטען יוני איז געווארען א פלאַטען אַפיציר. דעם זעלבען מאנאט איז ער פון מינעסאָטא אפגעפלויגען קיין קאליפארניא, וואו ער איז ארויף אויף זיין שיף און אין יולי איז ער באשטימט געווארען צו דינען אין האָנאָלולו.

אָנהויב דעצעמבער האט זיין טאטע איהם אוועקגעשיקט זיין חנוכה מתנה, ווייל עס נעמט לאנג ביז די פּאָסט קומט קיין האָנאָ-לולו. דעם 14טען דעצעמבער, שוין נאך דעם יאפּאנעזישען אָנפאל, האט זיין פאטער דערהאלטען איירא׳ס א בריף וואס דער אפיציר האט געשריבען ערב דער אטאקע אויף פּוירל האַרבאָר. קיין סימן פון זארג איז ניט געווען אין בריף, קיין צייכען אז אימיצער האט ערווארטעט אן אָנפאל, לויט ווי דער פאטער מר. דזשעפרי דערצעהלט. מר. געדעס, איינער פון די לעהרער פון אוניווערזיטעט, האט געזאגט: איך האב גוט געקענט איירא׳ן. ער איז געווען א פיינער ערנסטער באָי, א גוטער סטודענט, גוט באקאנט און רעספּעקטירט פון אלעמען. זיין טויט מאכט אלע סטודענטען באגרייפען די ערנסטקייט פון דער סיטואַציע.

דער נויארקער יונגערמאן, דזשוליוס ראסניק, איז געווען א גראַ-דואירטער פון דעם ראדיא אינסטיטוט אָוו אמעריקא. ער איז געווען א מיטגליד פון דעם נעיוועל רעזירוו, און דעם 14טען נאוועמבער איז ער באשטימט געווארען אויף א קריגס-שיף. ער איז דער׳הרג׳עט געווארען אין דער צייט פון דעם ערשטען יאפּאנעזישען אנפאל אויף פּוירל האַרבאָר.

צו זיינע עלטערען האט דער נייווי דעפארטמענט צוגעשיקט פאָל-גענדען מעסעדזש: „דעם נייווי דעפּארטמענט פארדריסט טיף וואס ער דארף אייך מעלדען אז אייער זוהן, דזשוליאן ראסניק, איז אומגעקומען אין קאמף טוענדיג זיין פליכט און אין דינסט פון זיין לאנד. דער נייווי דעפּארטמענט שיקט אייך זיין אויפריכטיגסטע סימפּאטיע אין אייער גרויסען פארלוסט."

דזשאן טשערנאק, איירא דזשעפרי, דזשוליען ראסניק און די הונ-דערטער אנדערע אידישע סאלדאטען, מאטראזען און פליהער וועלכע זיינען געפאלען אין פּוירל האַרבאָר און אין די פיליפּינען אינזלען,

האבען אפגעגעבען זייערע לעבענס פאר אמעריקא און פאר דער וועלט, פאר פרייהייט און מענשליכקייט, וואס זוכט צו באזיגען די ווילדע חיה־רעה וואס וויל זי פארשלינגען און פארשקלאפען. זיי זיינען געפאלען ווי העלדען. עהרע זייער אנדענקען.

צווישען די אמאליגע אידישע העלדען ווערט דערמאַנט די לעגענדארישע אידישע פרוי חנה וועלכע האט מקריב געווען איהרע זיבען זיהן... אין יענער צייט איז אויפגעשטאנען א נבוכדנצר־היטלער און האט געפירט א מלחמה מיט דעם אידישען גייסט. ער האט געוואלט אפווישען דאס אידישע פאלק גייסטיג. האט די אידישע מאמע ארייגעגעבען א שטארקען מוט, אז זיי זאלען זיך ניט שרעקען פאר דעם טויט, און זאלען פארשטארקען דעם אידישען גייסט, דעם אידישען נאמען.

אין דער איצטיגער צייט האט זיך אויך געפונען א מאָדערנע חנה. א אידישע מאמע אין פילאדעלפיא האט אליין געפירט איהר זון אין רעקרוטינג אפיס זיך צו פארשרייבען אלס סאלדאט. זי, די געטרייע מאמע, איז מיט איהם מיטגעגאנגען. זי האט באגלייט איהר קינד „מיט די אייגענע הענט" איהם איבערגעגעבען אנקעל סעמ'ן. נאך דעם אָנפאל פון די יאפאנעזער אויף פוירל הארבאר, איז איהר אָנגעקומען דער באריכט אז איהר זוהן דזשעק פעלדמאן איז גע'הרג'עט געווארען. איז מרס. פעלדמאן, די געטרייע מאמע, ווידער געקומען אין דעם זעלבען אפיס, דאס מאל אליין. „מיין קינד איז דער'הרג'עט געווארען אין פוירל הארבאר", האט זי רוהיג געזאגט צו די בעאמטע אין אפיס, „איך וויל פאַרטזעצען מיין זוהן'ס ארבייט. אפשר קען איך עפּעס טאן פאר דער ארמיי?"

די אידישע מאמע האט ניט געוויינט, ניט געוויזען דער וועלט איהר וועהטאג. עס איז א צייט ווען מען מוז גרייט זיין מקריב צו זיין דאס טייערסטע, האט די מאָדערנע חנה, מרס. פעלדמאן, געזאגט. אָט אזוי פיהלען איצט אלע אידען די גרויסע פאראנטווארטליכקייט פון דעם פאראייניגטען קאמף געגען היטלער'ן און דעם היטלעריזם.

צו מיין גאָלדענע חתונה

ניטאָ קיין אונטערשייד פון מענש און מענש
די זון שיינט פאר אלעמען פון דער הויך;
זי וואַרעמט מיט איהרע שטראלען אלעמען גלייך,
זי שיינט פאר דעם רייכען, פאר דעם ארימען אויך.

אין יעדענ'ס הארץ וואס זיצען ביי דער שמחה
זעה איך די אמת'ע פרייד שיינט;
מיינע קינדער און אייניקלעך זיצען ארום מיר,
אויך מיינע איבערגעבענע בעסטע גוטע פריינט.

איך האב געפירט שטענדיג מיין לעבען זעהר שעהן,
מיין פריינט אין לעבען איז געווען די פען.
מיין שרייבען וועט פאר מיר קיינמאל ניט פארגעהן,
דאס שרייבען איז אין לעבען מיין פארגעניגען געווען.

איך בין געגאנגען מיין לעבען מיט מיין אייגענעם גאנג,
צום שרייבען האב איך געפיהלט א טאלאנט;
אלעס וואס איך פלעג וועלען דערגרייכען
פלעג איך אויסדריקען מיט דער פען אין דער האנט.

כאטש איך האב געפיהלט ביז איצט אזוי גוט
זעה איך שאטענס ארומקריכען אויף די ווענט;
איך פיהל שוין אביסעלע קעלטער אין מיין בלוט,
עס נעהמען שוין צו ביסלעך ציטערען די הענט.

דאס שעהנסטע אין לעבען איז א שעהנער עלטער
ווען דער מענש פיהרט דאס לעבען ריכטיג קלאָר;
דער מענש דארף לעבען ניט פאר זיך אליין
דאן דערקענט ער דאס צו די עלטערע יאהר.

איך האב 50 יאהר מיט מיין פרוי דורכגעלעבט,
דאס איז א גאנץ היפשער שפאן אין לעבען;
ניט איינמאל איז דאס לעבען געווען אביסעלע שווער,
דערפאר האט אונז גאט א שעהנע עלטער געגעבען.

מיין לעצטער גוד-ביי

מיינע יונגע יאהרען בלוטען אין מיר,
גאטעניו, ניט איין מאל פלעג איך בעטען ביי דיר.
עס האט געברענט אין מיר טאלאנט א קליינער פונק
וואס איך האב ניט געקאנט ארויסברייננען מיט דער צונג,
פלעג איך דאס ארויסשרייבען מיט דער פען אין האנד
דאס פלעגט מיך ארויסראטעווען פון שאנד.

ניט איין מאל פלעג איך ארויסשרייען פון האַס,
דאס הארץ פלעגט מיר צופלאצט ווערען פון כעס;
דאס הארץ האט געציטערט און גענאַגט . . .
מיט טרערען האב איך ניט איין מאל געקלאגט,
זייענדיג מיט מענשען האט מיך דאס פנים געפלאַמט.
איך פלעג זיצען שטיל, דאס מויל פארצאמט,

עס האט מיך שטענדיג א גרויסער צער ארומגענומען;
מיט טרערען פלעגען מיר די אויגען ווערען פארשוואומען.
געזעסען שטיל . . . . ווי א קליין קינד . . .
ניט איין מאל אפגעקומען פאר יענעמס זינד.

מיין לעבענס-וועג איז ניט געווען פארשפרייט מיט בלומען,
איך בין גענוג אין מיין לעבען אפגעקומען.
אזוי איז איבערגעלאפען הדשים, וואכען, טעג,
איך בין קיינמאל ניט פארלאפען דעם צווייטענ'ס וועג.

צו טאן גוטעס יענעם האב איך שטענדיג געוואלט,
אפטמאַל פלעג איך קריגען זעהר שלעכט באצאלט.
איך פיהל אז עס הויבט מיר אַן אויסגעהן מיין כח,
איך האב קיינמאל ניט אויסגעשריען מיין וועהטאג הויך.

איך דארף שוין מיינע אלע פריינט זאגען מיט א שושקעריי
איך מוז שוין זאגען מיינע אלע פריינט דעם לעצטען גוד-ביי . . .

משה אלעקס.

דער סדר ביי מר.
משה גארפינקעל
אין וואשינגטאן
ווי ער לערנט די
אייניקלעך צו
מאכען קידוש

פּאָבליקיישאַן קאָמיטע



טשאַרלס ראַפּאַפּאָרט, עראַן סעלים, אב. טאַש, מאָריס ראָדמאַן, העריִ זיגעל, היימאַן ראַטנער, מאָריס רובין, מאָריס גאַרפינקעל,
העריִ פּאַרעצקי, זלמן בלינק, היימאַן לאַנדאַו, העריִ בעקער, לואיס הערמאַן, מאָריס פלײשמאַן, דזשייק קליין, פיליפּ טאַקער,
י. יאַנאָוויץ, י. קאַצמאַן.